STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02691

YUNGER HISTORIKER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויסגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די
יידישע אַקאַדעמישע פאַריינען אין פוילן

יונגער היסטאָריקער

שריפטן פון סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע
באַ דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע

פ אַ ר ל אַ ג ב. ק ל ע צ ק י ן
ו ו אַ ר ש ע 1926

רעדאַקציע קאָלעגיע :

מאַגיסטער יעקב בערמאַן

ד"ר רפאל מאַהלער

עמנואל רינגעלבלום

„MŁODY HISTORYK“
organ Seminarjum Historji Żydów przy Żydowskiej Strzesze Akademickiej w Warszawie.

Wyd. B. Kleckina, Warszawa 1926

Składano i odbito w druk. „KORONA“ Warszawa, Karmelicka 5a

דעם זיידן פון דער מאָדערנער
יידישער געשיכטע־פאָרשונג
שמעון דובנאָוו
אין צייכן פון טיפער דאַנקבאַרקייט
און יראת הכבוד
ווידמעט די ערשטע זאַנגען

די רעדאַקציע

אינהאַלט:

זייט

פון דער רעדאַקציע 6

דריי יאָר סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע (1923—1926)—ע. ר. 7

געשיכטע און פאָלק — ר. מ. 12

די אויפגאַבן פון דער היסטאָרישער סעקציע פון יידישן
ווּיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — יעקב בערמאַן . 18

וועגן טעאָריעס פון דער יידישער קולטור-געשיכטע —
ד"ר ה. מאַהלער 21

דאָס וואַרשעווער בירגערטום און די יידן אין דער II-טער
העלפט פון XVIII-טן י"ה — אסתר טענענבוים . 41

אַ בילד פון יידישן לעבן אין אַ פּוילישער שטאָט אין אָנהויב
פון XIX-טן י"ה — ל. צאַמבער 58

פונם לעבן פון די וואַרשעווער יידן אין XV-טן יאָרהונדערט —
עמנואל רינגעלבלום 66

מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון עקאָנאָמישן און רעכטלעכן
מצב פון די לובלינער יידן אין XVII-טן יאָרהונדערט —
בעלאַ מאַנדעלסבערג 81

פונם יידישן זיטלעכן לעבן אין ווילנע אין אָנהויב XIX י"ה—
פנחס קאָן 90

מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן אין דער
II-טער העלפט פונם XVII-טן י"ה — י. בערמאַן . 99

מוזיי א. נ. פון מאַטיאַס בערזאָן באַ דער יידישער קהילה
אין וואַרשע — חוה וואַרשאַווסקא . . . 106

פון דער רעדאַקציע

דער אַקאַדעמישער סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין וואַרשע צוריק מיט דריי יאָר, גיט איבער דער עפנטלעכקייט דאָס ביסל ביכורים פון זיין אַרבעט. אַדאַנק דער חברישער מאַטעריעלער הילף פון דער עקזעקוטיוו פון די יידישע אַקאַדעמישע זעלבסט-הילף-פאַריינען אין פוילן איז איצט מעגלעך געוואָרן, אַז אונזערע באַשיידענע שריפטן, וועלכע זענען אויך גלייכצייטיק דער ערשטער וויסנ-שאַפטלעכער אָרגאַן פון די יידישע אַקאַדעמיקער אין פוילן, — זאָלן דערזען די ליכטיקע שיין. „דער יונגער היסטאָריקער" שפיגלט נאָך ווייט נישט אָפּ די גאַנצע אַרבעט פון דעם סעמי-נאַר, ווייל אַ סך פון אונזערע חברים האַלטן נאָך ביים פאַרענדיקן זייערע פאָרשונגען. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ איז אין דעם ערשטן בוך אויך נישט אַריין אַ ריי וויכטיקע מאַטעריאַלן, וועלכע זענען געווען לכתחילה באַשטימט פאַר דעם בוך.

מיר געפינען פאַר נייטיק אויסצודריקן אונזער דאַנק דעם פ אַ ר ל אַ ג ב. ק ל ע צ ק י ן, וועלכער האָט אויף זיך גענומען אַרויסצוגעבן אונזערע שריפטן.

זאָל אונז באַשערט זיין, אַז די דאָזיקע שריפטן זאָלן זיין דער אָנהויב פון אַ פּעריאָדישן אָרגאַן פאַר דער יידישער גע-שיכטע אין דער יידישער שפּראַך.

וואַרשע, יולי 1926

דריי יאָר סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע

(1926—1923).

דער סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע איז אַנטשטאַנען צוריק מיט 3 יאָר באַ די סאַמע אומגינסטיגסטע באַדינגונגען, וועלכע זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אָפגעשאַפט געוואָרן. און דאָך עקזיסטירט ער און ס׳איז צו האָפן, אַז ער וועט האָבן אַ לאַנגן קיום, הגם ביז איצט האָבן זיך אַלע פּרוּוון צו שאַפן וויסנשאַפטלעך-געשיכטלעכע קרייזן אין דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע פריער אָדער שפּעטער געענדיקט מיט גאָרנישט.

די אומגינסטיקע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו אַרבעטן דעם סעמינאַר, דאַרף מען זוכן קודם כּל אין דער שווערער לאַגע, אין וועלכע ס׳געפינט זיך די יודאַאיסטישע וויסנשאַפט אין פּוילן.

באַ די אומות-העולם זענען פאַר געשיכטע פון געגעבענעם פאָלק פאַראַן ספּעציעלע אוניווערסיטעט-קאַטעדרעס, ווו ס׳ווערט דערצויגן אַ דור פון געלערטע, לערער פון מיטל-שולן און פון סעמינאַרן א. א. וו. חוץ דעם זענען פאַראַן אַקאַדעמיעס, וואָס באַשטייען בלויז פון געלערטע, וועלכע קומען זיך פון צייט צו צייט צונויף, ריידן אַרום פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווייזן אָן דעם וועג, אויף וועלכן ס׳דאַרפן גיין די געשיכטלעכע פאָרשונגען. די מלוכה זאַמלט אָן אין אַרכיוון און מוזייען מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, זאַכן פון היסטאָרישן ווערט; די מלוכה-פאַרלאַגן פאַרעפנטלעכן די וויכטיקסטע היסטאָרישע קוועלן, גיבן אַרויס די ווערק פון די געשיכטספאָרשער, סובסידירן די עקסקורסיעס, וואָס ווערן געמאַכט דורך פאָרשער אין די אויסלענדישע אַרכיוון און מוזייען, כּדי דאָרט אויפצוזאַמלען די צעזייטע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון זייער פאָלק. אַזוי אַרום האָט דער געלערטער די מעגלעכקייט אינגאַנצן זיך אָפּצוגעבן דעם צווייג פון וויסנשאַפט, וועלכער אינטערעסירט אים צוממייסטן.

אויך דער יונגער דור פאָרשער, וואָס נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין הילף מצד עלטערע, בפרט באַ די מוראדיקע לעבנס-באַדינגונגען פון איצטיקן מאָמענט, באַקומט זי אין דער פאָרם פון סטיפּענדיעס א. ד. גל. א חוץ דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג, באַקומט דער יונגער דור מעטאָדישע אָנווייזונגען אין אוניווערסיטעטס-סעמינאַרן, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך די בעסטע פאָרשער.

עס עקזיסטירן אויך פּריוואַטע געזעלשאַפטן פון געשיכטע-ליבהאָבער, פון אַלטערטימלעכקייטן-זאַמלער א. ד. גל.

פאַרגלייכן מיר דאָס אַלץ מיט דעם, וואָס טוט זיך ביי אונז, זעען מיר, אַז באַ אונז איז די לאַגע גאָר אַ טרויעריקע. אַפילו ווען מיר זאָלן נעמען אין באַטראַכט די שווערע באַדינגונגען פון דער יידישער וויסנשאַפט, זעען מיר, אַז מיר זענען ווייט, ווייט אין דער הינזיכט הינטערשטעליק. וואָרים אויב די מלוכה קומט אונז נישט צו הילף, האָט דאָס געדאַרפט טון די יידישע געזעלשאַפט, פונקט ווי זי בויט שולן, פאַך-שולן, עמיגראַציע-געזעלשאַפטן און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע און קולטור-אינסטיטוציעס.

די יידישע געזעלשאַפט אין מערב-אייראָפּע ובפרט אין דייטשלאַנד קאָן אונז אויף דעם געביט דינען פאַר אַ מוסטער. זי האָט דאָרט געשאַפן היסטאָרישע געזעלשאַפטן, וואָס פאַרעפנטלעכן פון צייט צו צייט וויכטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען פון יידישע געלערטע; זי גיט אויך אַרויס צייטשריפטן געווידמעט דער יידישער געשיכטספאָרשונג; זי זאַמלט צונויף אַלטערטימלעכקייטן, וואָס האָבן אַ היסטאָרישן ווערט, כמעט יעדע גרעסערע דייטשישע קהילה האָט איר מוזיי און אויך איר מאָנאָגראַפיע.

דאָס אַלץ, וואָס איז אין מערב אויפגעטון געוואָרן — און אויפגעטון איז געוואָרן אַסך — פאַרדאַנקען מיר דעם פאַקט, וואָס דאָרט איז די דאָזיקע אַרבעט נישט געלעגן אויף די פּלייצעס פון איינצלנע יחידים, נאָר איז אָרגאַניזירט דורך דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט.

אין דעם נייעם רוסלאַנד אַנטפלעקן זיך איצט גאָר גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע, וואָס ווערן ברייט אונטערגעשטיצט מצד דער מלוכה.

וואָס פאַראַ בילד שטעלט מיט זיך פאָר די יידישע געשיכטס-פאָרשונג אין פוילן? באַ הייַנטיקן טאָג איז אויפן שטח פון דער גאַנצער פוילישער רעפובליק אויף הונדערטער יידישע קהלות פאַראַן איין איינציקע קהלה, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט און אַ היסטאָריש-עטנאָגראַפישן מוזיי — דאָס איז ווילנע. דאָס מוזיי א. נ. פון מאַטיאַש בערסאָן, וואָס געפינט זיך באַ דער וואַרשעווער יידישער קהילה, איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ פריוואַטע פערזאָן — דורך מאַטיאַש בערסאָן.

די יידישע געזעלשאַפט אין פוילן בכלל, האָט גאָרנישט געטון צו אָרגאַניזירן די פאָרשונגען איבער דער געשיכטע פון די פוילישע יידן; זי האָט נישט געשאַפן קיין אויטאָריטאַטיווע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אַרויסגעבן אַ צייַטשריפט, ווי אויך וויסנשאַפטלעכע ווערק, געווידמעט דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן. אין אונזער קולטור-אויפבלי, וואָס לאָזט זיך באַמערקן אויפן געביט פון יידישן קולטור-לעבן, איז איינציק און אַליין געשיכטע געבליבן פאַרוואָרלאָזט. דאָס ביסל, וואָס איז אויפגעטון געוואָרן אויף דעם געביט, איז געשען דורך דער איניציאַטיוו פון אייניקע יחידים, וואָס האָבן אונז באַקענט מיט עפּיזאָדן און תקופות פון דעם רייַכן און פאַרביקן לעבן פון די פאַרצייַטיקע יידן אין פוילן. זייער אַרבעט איז אָבער געווען אָפּהענגיק פון אַ צופאַל, פון דעם אָרט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, פון די מאַטעריאַלן, וועלכע זיי האָבן געהאַט צו דער האַנט א. ד. גל.

מיר פאַרמאָגן אייניקע מאָנאָגראַפיעס פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן, מיר פאַרמאָגן אָבער נישט קיין גאַנצע געשיכטע, וואָס קען זיך נישט באַווייַזן כל זמן ס'וועלן נישט אויסגעפאָרשט ווערן אַלע תקופות און אַלע זייַטן פון דעם יידישן לעבן אין פוילן; כל זמן ס'וועלן זיך נישט אויפהערן צו וואַלגערן פנקסים פון דער גרעסטער חשיבות באַ מוכר-ספרימניקעס. ס'איז קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואָס אַזאַ באַציאונג צו אונזער געשיכטע קען ברייַנגען צו דעם טרויעריקן פאַקט, אַז די קיניגלעכע פּריווילעגן פון איינער פון די גרעסטע יידישע קהילות אין פוילן זאָלן זיך וואַלגערן באַ אַ פּריוואַטער פערזאָן.

מיר פאַרמאָגן אויך נישט קיין ביבליאָגראַפיע פון די ווערק, וואָס זענען דערשינען וועגן דער יידישער פאַרגאַנגנהייט. יעדער יידישער

געשיכטספאָרשער, וואָס טרעט צו באַאַרבעטן וועלכע נישט איז יידיש־היסטאָרישע תּקופה, מוז אַ גרויסן טייל פון זיין צייט ווידמען דעם אויפזוכן פון די געהעריקע מאַטעריאַלן. ווער רעדט שוין וועגן קוועלן־זאַמלונגען, וואָס פאַרלייכטערן דעם היסטאָריקער זיין סינטעטישע אַרבעט. די דאגה צו דערציען יונגע יידישע פאָרשער ווערט איבער־געלאָזט פאַר זיי גופא.

נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט אויס דעם יידישן געלערטן צו אַרבעטן, האָט די יוגנטלעכע התלהבות פון אונזערע סעמינאַר־מיטגלידער געשטרעבט גובר צו זיין אָט די אַלע שטערונגען. ווייל מיר האָבן געפילט, אַז מיר טוען אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אַן אַרבעט, וואָס איז אויסן נישט סתם צו דערקענען די יידישע פאַרגאַנגנהייט, נאָר וואָס וועט דאַרפן דינען אַלס אָנשפּאַרפּונקט פאַר דעם קאַמף, וועלכן די יידישע געזעלשאַפט פירט אין פוילן פאַר איר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג.

אונזער ערשטע אַרבעט איז באַשטאַנען אין רופן יידישע אַקאַ־דעמיקער־היסטאָריקער אויסצוקלייבן יידישע טעמעס אויף צו לייענען זיי אין די אוניווערסיטעטס־סעמינאַרן. נישט אַזוי לייכט איז אונז אָנגעקומען די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט און זי איז נאָך נישט פאַרענ־דיקט. אונז איז אויסגעקומען צו באַקעמפן די אינערציע אפילו באַ יענע אַקאַדעמיקער, וואָס פילן, אַז זיי דערפילן אַ געזעלשאַפטלעכן חוב, אַז זיי צעשטרייען פאַראורטיילן, שקרים, בלבולים, וואָס איז אָנגעזאַ־מלט נישט בלויז אַרום דער יידישער נאַציע פון דער געגנוואַרט, נאָר אויך פון דעם עבר. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דער יידישער אַקאַדעמי־קער, בעת ער לייענט אַן אַרבעט אַ גאַנץ אָביעקטיווע — אפילו פון דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט — פאַר פוילישע אַקאַדעמיקער, צוקונפטיקע לערער פון מיטל־שולן, דערנענטערט דערמיט די יידישע און פוילישע געזעלשאַפט. מיר האָבן בייגעקומען די פּאַסיוויטעט צו דער יידישער געשיכטע, וועלכע האָט ביז נישט לאַנג געהערשט באַ די יידישע אַקאַדעמיקער. אמת, מיר פאַרמאָגן באַ היינטיקן טאָג בלויז צו איינ־ציקע פאָרשטייער אין די אוניווערסיטעטס־סעמינאַרן, אָבער אפילו די איבעריקע מיטגלידער, וועלכע אַרבעטן איבער נישט יידישע טעמעס, טוען עס אפשר נישט אַזוי צוליב שוואַכקייט, נישט צוליב מורא פאַר אַן

אַנטיסעמיטישער קריטיק אין די סעמינאַרן, נאָר צוליב די באַדינגונגען פון דער יידישער וויסנשאַפט.

דאָס צווייטע, וויכטיקע פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר אונז, איז — אויף וואָס פאַרא אופן צוגרייטן אונזערע מיטגלידער, זיי זאָלן זעלבשטענדיק קענען באַהאַנדלען פאַרשידענע פּעריאָדן אָדער פּראָבלעמען פון דער יידישער פאַרגאַנגנהייט אין פּוילן, באַקענען אונזערע מיטגלידער מיט די הויפּט־דערגרייכונגען פון דער יידישער געשיכטס־פאָרשונג אין פּוילן, און זיי באַקאַנט מאַכן מיט די הויפּט־פראַגן פון דעם יידישן עבר אין פּוילן.

דאָס וויכטיקסטע איז אָבער געווען — באַקענען זיך מיט דעם, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט באַקומען אין די אוניווערסיטעטס־סעמינאַרן, מיט די ספּעציפישע מעטאָדן און דרכים, אויף וועלכע מען דאַרף גיין בײַ דער יידישער פאָרשונגס־אַרבעט, און מיט די קוועלן, וועלכע זענען פאַראַן צו די דאָזיקע אַרבעטן. בײַם מאַנגל פון וועלכער נישט איז וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע, וועלכע זאָל באַפרידיקן די אויבן אויסגערעכנטע באַדערפנישן, וואָלט אונז אויסגעקומען לחלוטין אָפּזאָגן זיך פון אונזער אַרבעט. אָבער מיר האָבן געפונען מיטהילף בײַ די צוויי יידישע היסטאָריקער, בײַ פּראָפ. מ. באַלאַבאַן און ד"ר י. שיפּער, וואָס האָבן אונז געדינט מיט אָנווייזונגען און עצות.

די התחלה איז געמאַכט געוואָרן. אונזער ביישפּיל מאַכט נאָך ווילנע, ס'איז אויך צו האָפן, אַז דער היסטאָרישער סעמינאַר אין לעמבערג, וועלכער האָט מיט אַ צייט צוריק עקזיסטירט, וועט אויפלעבן. — אָבער וואָס ווייטער? — שטעלט זיך די פראַגע. און ווען דער יונגער יידישער געלערנטער האָט שוין פאַרענדיקט זיינע פאָרשונגען — ווער וועט אים פאַרעפנטלעכן זיין אַרבעט? ווער וועט אים העלפן אין זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע? ווער וועט אים דערמעגלעכן דאָס אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, כדי צו באַרייכערן און פאַרפולקאָמען זיינע ידיעות? ס'איז שוין די העכסטע צייט צו אָרגאַניזירן בײַ אונז אַ היסטאָרישע געזעלשאַפט, וואָס זאָל נעמען אויף זיך דעמדאָזיקן חוב לגבי דער יידישער וויסנשאַפט.

ע. ר.

געשיכטע און פאָלק

יעדע וויסנשאַפט האָט אַ באַשטימטן צוועק אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, קומט אַנטקעגן אַ באַשטימטער באַדערפניש פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אויך מיט געשיכטע איז נישט אַנדערש. די שיכטן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע באַהערשן זי און שטייען אין איר שפּיץ, באַשטימען אויך דעם כאַראַקטער פון דער געשיכטשרייבונג.

די פעאָדאַלע תּקופה, ווען ס'הערשן איבער דער געזעלשאַפט דער גייסטלעכער און דער אַדלשטאַנד, האָט פון איין זייט כראָניקן, אין וועלכע ס'ווערט דערציילט דאָס לעבן און ווירקן פון די מושלים, פון דער אַנדערער זייט — מעשיות פון הייליקע קירכן־מאַרטירער און ד. גל. די געשיכטע פון די מושלים האָט דעם צוועק זיי צו רימען און זיי אַ גוטן זכר איבערצולאָזן; די ביאָגראַפיעס פון די קדושים און די דערציילונגען וועגן זייערע נסים דאַרפן שטאַרקן אין דעם פאָלק דעם גלויבן און די טרייקייט צו זייער רעליגיע. אַלץ, וואָס מיר ווייסן איצט וועגן דעם לעבן פון די אונטערגעוואָרפענע שיכטן פון די מיטלאַלטערלעכע פעלקער, וועגן דעם פּויערטום און וועגן די שטאָט־באַוווינער, פאַרדאַנקען מיר נאָר די דאָקומענטן און ליטעראַטור־בילדער, וועלכע האָבן זיך צופעליק אויפגעהיט. וועגן זיי איז נישט פאַראַן קיין זכר אין די אָנגעשריבענע געשיכטס־ביכער.

דער אויפקומענדיקער, אַלץ שטאַרקער ווערנדיקער בירגערלעכער שטאַנד פון דעם 18־טן י"ה, האָט נישט קיין חוש פאַר געשיכטע. וועלנדיק איבערייסן מיט דער טראַדיציע, מיט דער רעליגיע, מיט דער ביז־איצטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג בכלל, באַציט זיך דאָס ראַציאָנאַליסטישע בירגערטום צו דעם עבר קריטיש, פון שטאַנדפּונקט פונ'ם שכל. אויפווייזן אַ פאַרשטענדניש פאַר געשיכטע וואָלט דעמאָלט געהייסן זיך זעלבסט אָפּשוואַכן, שטומפּיק מאַכן דעם כּלי־זין, מיט וועלכן מען האָט געקעמפט קעגן די פּריווילעגירטע שטאַנדן. די געשיכטלעך־סאָציאָלאָגישע ווערק פון דעם 18־טן י"ה, ווי, למשל, טירגאָטס און קאָנדאָרסעטס,

באַמיען זיך צו באַווייזן, אַז די געשיכטע איז אַ שטענדיקער פֿאָרשריט פֿון דער ציוויליזאַציע און קולטור. די אידעע פֿון פֿאָרשריט גיט צו קאַמף־מוט און התלהבות די בירגערלעכע פּיאָניערן פֿון אַ נייער, פֿאָר־שריטלעכער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

די זיגנדיגע רעאַקציע אין דעם אָנהויב פֿון דעם 19־טן י״ה ווייזט ווידער אַרויס אַ גרויסן אינטערעס פֿאַר דער געשיכטע. העגעל שאַפֿט די טעאָריע, אַז אַלץ וואָס איזווירקלעך — איז אויך נויטווענדיק, און איז אזוי לאַנג ווירקלעך, ווי לאַנג עס איז נויטווענדיק. דער געדאַנק פֿון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט האָט געוואָלט בכיוון באַרעכטיקן די עקזיסטירנדיקע אַבסאָלוטע מלוכה, בפֿרט אין דעם אָפּגעשטאַנענעם דייטשלאַנד. די דאָזיקע פּאָליטישע טענדענץ רופֿט אַרויס היסטאָרישע פֿאָרשונגען אויפֿן געביט פֿון רעכט, עקאָנאָמיע און מלוכה׳שן לעבן.

דער איינמאָל אויפֿגעוועקטער אינטערעס פֿאַר געשיכטע שטאַרבט נישט אָפּ, אַפֿילו שפּעטער, נאָך דער ענדגילטיקער מפּלה פֿון דער רע־אַקציע אין דער מיט פֿון דעם 19־טן י״ה. עס שאַפֿן זיך די גרויסע היסטאָרישע ווערק פֿון ראַנקע, מאָמזען, לאַמפּרעכט, עדואַרד מייער און אַנד.

קאַרל מאַרקס, דער טעאָרעטיקער פֿון דעם אויפֿקומענדיקן פּראָ־לעטאַריאַט, באַפֿרייט העגעלס טעאָריע פֿון אירע מעטאַפֿיזישע שאָלן, און שאַפֿט די אַזוי אָנגערופֿענע „מאַטעריאַליסטישע״ געשיכטסאויפֿפֿאַ־סונג. געשיכטע איז די וויסנשאַפֿט, וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. דורכדעם וואָס עס ווערן באַ אים בעיקר גענומען אין באַטראַכט די סאָציאַלע קאַמפֿן, אַלס דער מאָטאָר פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, בויט ער דעם יסוד פֿאַר דער געשיכטע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן (אין דעם זין שרייבט שפּעטער ק. קויטסקי זיין ווערק „פֿאָרלויפֿער פֿונ׳ם סאָציאַליזם״).

געשיכטע ווערט באַ מאַרקסן אידענטיש מיט סאָציאָלאָגיע, מיט איר דינאַמישן טייל. *) די סאָציאָלאָגישע געשיכטע אין זין פֿון מאַרקס טעאָריע באַפֿרידיקט דאָס סאַמע וויכטיקסטע געזעלשאַפֿטלעכע באַדערפֿניש. דורך דער וויסנשאַפֿט פֿון דער געשיכטע ווערט דער געזעלשאַפֿט באַוווּסט אירע אייגענע אַנטוויקלונגס־געזעצן, און אַדאַנק

*) זע Max Adler „Marxistische Probleme“ Stuttgart, 1911.

דעם קאָן זי לייכטער און שנעלער פאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון דעם הזה, און די, וועלכע שטייען פאַר איר אין דער נאָנטסטער צוקונפט.

וועלכע געזעלשאַפטלעכע באַדערפניש באַפרידיקט די געשיכטע פונם יידישן פאָלק?

די עלטסטע יידישע געשיכטס־ביכער, די היסטאָרישע ביכער פון תנ״ך, זענען געשריבן אינ׳ם גייסט פון אַ טעאָלאָגישן פּראַגמאַטיזם. דער צוועק צו שטאַרקן דאָס פאָלק אין זיין טרייקייט צו גאָט ווערט דער־גרייכט דורך דעם, וואָס אַלע פּאָליטישע צרות און שלעכטע צייטן ווערן דערקלערט אַלס אַ שטראָף פאַר דעם אָפּווענדן זיך פון גאָט פון ישראל, און פאַרקערט, די ליכטיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע — אַלס אַ שכר פאַר דעם, וואָס די מלכים און דאָס פאָלק „האָבן געטון דאָס רעכטפאַרטיקע אין גאָטס אויגן״. אויך די יידישע געשיכטסביכער פון דער נאָך ביבלישער צייט, ביז שפּעט אַריין אין דער נייצייט, דינען דעם רעליגיעזן צוועק. די חשמונאים־ביכער דערציילן דאָס מסירת־נפש און העלדישקייט פונם יידישן פאָלק אין דעם קאַמף פאַר זיין רעליגיעזער פרייהייט. יוסיפוס פלאַוויוס שרייבט זיינע „יידישע מלחמות״ און „אַל־טערטימלעכקייטן פון די יידן״, כדי צו דערציילן די גרויסקייט און העלדישקייט פון זיין פאָלק.

די יידישע כראָניקן פון מיטלאַלטער און פון דער נייצייט ביז צום 19־טן י״ה, דערציילן לרוב די רדיפות קעגן יידן, כדי איינצוקריצן אין האַרץ פון די דורות דעם זכר פון די קדושים און זייער מסירת־נפש, און פאַרפעסטיקן אַזוי אַרום די טרייקייט צו דער יידישער אמונה און צום יידישן פאָלק. דאָס, וואָס די יידן זענען פון אַלע צרות און עינויים אַרויסגעגאַנגען גאַנץ אַלס פאָלק, אַלס קיבוץ, האָט באַדאַרפט צו־געבן מוט און האָפנונג, אַז אויך אויף להבא וועט קיין שום אויסערלע־כער כח נישט אימשטאַנד זיין דאָס יידישע פאָלק אונטערצוברענגען.

די שטאַרקע פאַראינטערעסירונג פאַר געשיכטספאָרשונג, וועלכע האָט זיך געוועקט אין דער ערשטער העלפט פונם 19־טן י״ה, האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס יידישע פאָלק. עס שאַפט זיך אַ גאַנצע באַוועגונג צו פאָרשן און זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר אַ יידישער געשיכטע, און בראש פון איר שטעלן זיך צונץ, גייגער, יאָסט, שפּעטער גרעץ מיט זיין מאָנומענטאַלער יידישער געשיכטע. דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט

קיין אייגן פּאָליטיש לעבן שוין זינט כּמעט צוויי טויזנט יאָר, פעלט אויך אין אונזער געשיכטשרייבונג די טענדענץ, וועלכע דרינגט אַדורך כּמעט אַלע נאַציאָנאַלע געשיכטלעכע ווערק פון די לעצטע צענדליקער יאָרן: איך מיין די טענדענץ צו באַווייזן, אַז די טעריטאָריאַלע גרעניצן פון דעם פאָלק, צו וועלכן דער היסטאָריקער געהערט, זענען געווען לכל-הפחות די, אויף וועלכע דאָס פאָלק האָט היינט פּאָליטישע אַספּיראַציעס, די טענדענץ אויפצווייזן „געשיכטלעכע רעכט" פון דעם פאָלק אויף די און יענע טעריטאָריעס. *) דערפאַר אָבער קאָנען מיר באַמערקן באַ די דערמאָנטע יידישע היסטאָריקער די באַמיונג אויפצווייזן די גרויסע אויפטוען אויף דעם געביט פון וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע א. א. וו., אויף וועלכע דאָס יידישע פאָלק קאָן שטאָלץ זיין, און אין דעם גלייכן זיי זיך צו די נאַציאָנאַלע היסטאָריקער פון אַנדערע פעלקער. די שטרעבונג פון די מערב-אייראָפּעישע יידן צו באַקומען פולע בירגער-לעכע גלייכבאַרעכטיגונג ווירקט, אַז די געשיכטע פון די יידן איז באַ די מיסיע-טעאָרעטיקער פול מיטביישפּילן, אַז די יידן האָבן תּמיד פאַרשפּרייט דעם געדאַנק פון פאַרברידערונג און ליבע צווישן די פעל-קער, און אַז זיי זענען תּמיד געוועזן געטרייע בירגער פון דער מלוכה, אין וועלכער ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן. ווי ווייט די געשיכטע פון די מיסיע-טעאָרעטיקער איז נאָך באַהערשט פון דער רעליגיעזער טענדענץ באַווייזט דאָס, וואָס דאָס רעליגיעזע לעבן און די יידישע גדולים אויף דעם געביט, פאַרנעמען באַ זיי אַ אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויסן אָרט. מיר געפינען אַפילו באַ אַן אַמעריקאַנער יידישן פּראָפע-סאָר ג. דייטש אַ קלאָרע פאָרמולירונג פון דער דעפיניציע פון דער יידישער געשיכטע: „די יידישע געשיכטע איז אַ געשיכטע פון דער יידישער רעליגיע און פון די יידן!" (**(sic!)

ש. דובנאָוו האַלט, אַז די יידישע געשיכטע לערנט אונז „אַ סומע

*) ד"ר י. שמחוני: „דברי ימי ישראל" (דערפירט ביז צום צווייטן חורבן) רעדט ארום זייער געַנוי די גרעניץ-פאַרשיבונגען און דערווייטערונגען פון דער גאָר פאַרצייטיקער און פון דער שפּעטערער חשמונאיש'ער מלוכה אין א"י. די פּראָבלעמען פון „היסטאָרישע רעכט" זענען אַפנים ווידער אַקטועל געוואָרן אין שייכות מיט דער פראַגע וועגן די גרעניצן פון דער מאַנדאַט-מלוכה אין פּאַלעסטינע.

**) זע: G. Deutsch: „The Epochs of Jewish History"

פון באַשטימטע רעליגיעזע, מאָראַלישע און פילאָזאָפישע אידעאַלן, וועמענס טרעגער דאָס יידישע פאָלק איז תּמיד געווען, — און אַ סומע פון געשיכטלעכע זכרונות וועגן דעם, וואָס מיר האָבן אין משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן אַדורכגעלעבט, אַדורכגעדאַכט און אַדורכגעפילט.״ (1

דער געדאַנק, אַז יעדעס פאָלק איז דער טרעגער פון זיינע באַשטימטע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, שטייט באַם וויגעלע פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם און איז צום ערשטן מאָל קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן באַ הערדערן אין זיין ווערק: „אידעען צו דער פילאָזאָפיע פון דער מענטשהייטס-געשיכטע״. דעמאָלס, בשעתו, איז נויטיק געווען צו געבן אַזאַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג פאַר דער אויפקומענדיקער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. היינט, ווען עס איז געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער קימא-לן, אַז יעדע נאַציע האָט זיך דאָס רעכט פריי לויט איר ווילן איינצואָרדנען איר עקאָנאָמיש און קולטורעל לעבן, איז אַזאַ באַגרינדונג איבריק און פאַרעלטערט. אמת איז, אַז יעדעס פאָלק האָט געהאַט און האָט זיינע באַשטימטע געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און דערפאַר אויך זיינע באַזונדערע קולטורעלע באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג. צוליב דעם האָט יעדעס פאָלק אויך דערצויגן אין זיך געוויסע גייסטיקע מעלות, אָבער אויך געוויסע ספּעציפישע חסרונות, בקיצור דאָס, וואָס מען רופט אָן פאָלקס-נשמה און פאָלקס-כאַראַקטער, וואָס איז אָבער אַ פּראָדוקט פון אומבאַוווסטזיניקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. איצט, ווען מיר לעבן אין צייכן פון אַ באַוווסטזיניקן סאָציאַלן לעבן, דאַרף זיך יעדעס פאָלק אויך אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון זיין קולטורעלן אַנטוויקלונגס-גאַנג, און איבערנעמען פון אַנדערע פעלקער די יעניקע אַלגעמיין-מענטשלעכע קולטור-אידעאַלן, וועלכע זענען צוליב היסטאָרישע סבות באַ אים פאַרנאַכלעסיקט, אָדער בכלל נישט אַנטוויקלט געוואָרן. די קולטור-באַדינגונגען זענען איצט און וועלן ביז סוף כל הדורות בלייבן נאַציאָנאַל, ווייל דער סכום פון דער קולטור-פאַרגאַנגנהייט פון יעדן פאָלק וועט אַפילו באַ דעם ענגסטן צוזאַמענלעבן פון פעלקער

(1 זע: Dubnow: „Die jüd. Geschichte“ (Ein geschichtshilos. Versuch). Berlin 1898.

זיין אַ פאַרשידענער. די קולטור-אידעאַלן זענען אָבער אַלגעמיין-מענטש-לעך און נישט נאַציאָנאַל.

דערפון איז אויך געדרונגען, אַז נעבן דער אַלגעמיינער געשיכטע האָט אויך אַ באַרעכטיקונג די געשיכטע פון באַזונדערע פעלקער. די אַלגעמיינע געשיכטע, ווען זי ווערט באַטראַכט אין זין פון מאַרקס אַלס אַ פאַרגלייכנדע וויסנשאַפט וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און וועגן איר אַנטוויקלונג, דאַרף אויסן זיין צו געפינען די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל. עס גייען טאַקע אין דער אַלגעמיינער געשיכטע ממילא אויך אַריין די פאַרשי-דענע פעלקער, אָבער איר אויפגאַבע זענען די אַלגעמיינע סאָציאָלאָגי-שע געזעצן. די געשיכטע פון אַ פאָלק מוז זיך אויך באַנוצן מיט דעם סאָציאָלאָגישן מעטאָד, אָבער איר אויפגאַבע און אויסגאַנגספונקט זענען אַנדערע, איר פרינציפּ פון גרופּירונג פון דעם מאַטעריאַל איז אַן אַנדערער: זי דאַרף אויפדעקן פאַר דעם פאָלק זיין היסטאָרישע פאַר-גאַנגנהייט אויף אַלע געביטן פון דעם לעבן, כדי פאַר אים באַוווסט צו מאַכן זיינע עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדינגונגען אין דעם הוה. עס איז די לעבנס-אויפגאַבע פון יעדן פאָלק צו שטודירן זיין אייגענע היסטאָרישע אַנטוויקלונג, כדי צו קענען פאַרענטפערן די לויפנדע פּראָ-בלעמען פון זיין ווירטשאַפט און קולטור.

אין דעם זין דאַרף אויך שטודירט ווערן די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, כדי זי זאָל באַקומען אַן אַקטועלן, רעאַלן לעבנס-ווערט פאַר דער היינטיקער יידישער געזעלשאַפט.

ר. מ.

די אויפגאַבן פון דער היסטאָרישער סעקציע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

די אומות־העולם האָבן אַ שטאַרק איבערגעטריבענע פאָרשטעלונג וועגן אונזערע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען. דער באַקאַנטער ווירט־שאַפטס־היסטאָריקער פּראָפ. בויאַק, למשל, שרייבט אין די ווערטפולע זאַמלביכער „Nauka Polska", וועלכע זענען געווידמעט די פּראָבלע־מען און אויפגאַבן פון דער פוילישער וויסנשאַפט: *) „די ווירטשאַפט־געשיכטע און די סאָציאַלע געשיכטע ווערט דורך זיי (ד. ה. די יידן) מיט אַזאַ התמדה געפּלעגט, אַז ווי עס דאַכט זיך איז שוין נישטאָ קיין סך צו דערגענצן, און דאָס וואָס איז צוגעגנגלעך צום אַרויסגעבן וועט, וואַרשיינלעך, בקרוב פאַרעפנטלעכט ווערן". לײדער, איז די לאַגע אין דער ווירקלעכקייט גאָר אַן אַנדערע. מיר זענען אָפּגעשטאַנען אין דער וויסנשאַפטלעכער געשיכט־פאָרשונג אין פאַרגלייך מיט אַנדערע.

די געשיכט־קוועלן זענען אַפילו נישט אינווענטאַריזירט און אַ סך פון זיי ווערן פאַר אונז לחלוטין פאַרלוירן; די צאָל מאָנאָגראַפיעס פון באַזונדערע געגנטן און שטעט איז אַ נישטיקע, און דווקא די סאָ־ציאַלע און ווירטשאַפט־פּראָבלעמען פון אונזער פאַרגאַנגנהייט זענען גאָר ווינציק באַלויכטן. מיט איין וואָרט, מיר האָבן געמאַכט דערווייל די ערשטע פּאָר טריט, און פאַר אונז ליגט נאָך אַ לאַנגער וועג, אַ פעלד וואָס איז נאָך נישט דורכגעאַקערט.

די היסטאָרישע סעקציע פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז צו־געטרעטן צו דער אַרבעט. מיר באַזיצן זייער באַשיידענע פינאַנסיעלע מיטלען. די וויסנשאַפטלעכע כחות זענען אויך שטאַרק באַגרענעצט. דערפאַר טאַקע קאָנען מיר זיך נישט דערלויבן אויף אַ כאַאָטישע צע־שפליטערונג פון אונזער אַרבעט. דאָס פּראָבלעם פון ראַציאָנאַליזירן די אַרבעטן פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען איז זייער קאָמפּליצירט.

*) „Nauka Polska" t. I. str. 283

מיר וועלן עס דאָ נישט באַטראַכטן. מיר גלויבן אָבער, אַז דער אָנ־פירנדער צענטער האָט אַ מעגלעכקייט צו שאַפן געבוג ברייטע ראַמען, אין וועלכע די פאָרשונגס־אַרבעט וועט זיך קענען פריי באַוועגן, און פון דער אַנדערער זייט וועט אַריינגעטראָגן ווערן אַ געוויסע פּלאַנ־מעסיקייט אין דער אַרבעט, עס וועט אפשר געלינגען צו קאָאָרדינירן די פאָרשונגען פון באַזונדערע צענטרען און איינצלנע וויסנשאַפטלער און זאַמלער פון היסטאָרישע מאַטעריאַלן. נישט איין מאָל וועט אויס־קומען וועקן די איניציאַטיוו פון די פאָרשער, כּדי צו פאַרפולן די אָפּטע בלויזן אין אונזער היסטאָריאָגראַפיע.

דער בעסטער אויפּטו איז — געבן די מעגלעכקייט צו פאַרעפנט־לעכן די פּאַרטיקע אַרבעטן, מען קאָן אויך ווירקן דורך קאָנקורסן, סטי־פּענדיעס און אַנדערע מיטלען. די וויכטיקסטע אַרבעט, וועלכע דאַרף גלייך געטון ווערן, איז די אינוועטאַריזירונג פון אונזערע היסטאָרישע מאַטעריאַלן. מיר מוזן צוטרעטן צו אַ סיסטעמאַטישער רעגיסטראַציע און באַשרייבונג פון אַלע אַרכיוון, וועלכע האָבן פאַר אונז אַ באַדייטונג. די אַרבעט מוז אויסגעפירט ווערן איינהייטלעך לויט אַ פריער באַשטימטן פּלאַן. צו דער אַרבעט דאַרפן צוגעצויגן ווערן קאָלעקטיוון, וואָס האָבן אַ פאַכמענישע צוגרייטונג, ווי היסטאָרישע סעמינאַרן, קרייזן און דאָס גלייכן. ווייטער דאַרף געפירט ווערן אַ סיסטעמאַטישע ביבליאָגראַפישע אַרבעט, דורכאויס שטרענג צענטראַליזירט, ווייל אַנדערש וועלן די מאַ־טעריאַלן נישט קאָנען פאַראייניהייטלעכט ווערן.

די אַרבעט פון דער היסטאָרישער סעקציע דאַרף גיין אין צוויי ריכטונגען: 1. אַרכיוואַל באַאַרבעטן מאָנאָגראַפיעס און 2. אַרויסגעבן קריטיש באַלויכטענע היסטאָרישע מאַטעריאַלן. די סינטעטישע אַרבעטן וועלן קומען שפּעטער.

איך וויל דאָ באַרירן נאָך איין זאַך.

דער פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון אונזער מאָדערנער קולטור מוז ברענגען צו געוויסע קאָנסעקווענצן אין דער וויסנשאַפטלעכער אַר־בעט. מיר טאָרן זיך נישט פאַרשליסן אין די ד׳ אמות פון אונזערע ספּעציאַליזירטע פאָרשונגען. מיר מוזן האָבן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די ברייט שאַפנדיקע מאַסן. עס איז שוין גערעדט געוואָרן וועגן שאַפן אַן אוידיטאָריע באַם אינסטיטוט, אָבער נישט ווינציקער וויכטיק איז

די פראַגע וועגן לערנביכער און פאָפולערע היסטאָרישע ליטעראַטור. עס איז איבריק צו דערמאָנען, ווי ווייט עס איז פאַרנאַכלעסיקט דאָס אויפ־קלערן פון היסטאָרישע פראָבלעמען. דער אינטערעס פאַר די פראַגן איז גרויס און דאָך ווערט ער נישט באַפרידיקט. פאָפולאַריזאַציע איז אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, זי מוז אָבער רעאַליזירט ווערן. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט דאַרף אין דעם פאַל געבן די איניציאַטיוו.

דאָס זענען אין אַלגעמיינע שטריכן די אויפגאַבן פון דער היס־טאָרישער סעקציע. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי וועלן קאָנען נאָר דאַן פאַרווירקלעכט ווערן, אויב זיי וועלן געפינען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער עפנטלעכקייט און אונטערשטיצט ווערן דורך די אַלע, וועלכע האָבן אַ פאַרשטענדעניש פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און דערגריי־כונגען.

יעקב בערמאַן

װעגן טעאָריעס פון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע

געשיכטס־טעאָרעטישע פראַגן זענען נישט בלויז סתם עפּעס אַ צוגאָב אָדער אַפילו אַ קרוינונג פון אַ געשיכטלעך װערק. די טעאָריע פון דער געשיכטע איז דער יסוד, אויף װעלכן עס בויט זיך אויף יעדע ערנסטע געשיכטלעכע פאָרשונג. כמעט אַלע גרויסע היסטאָריקער האָבן זיך געשאַפן אייגענע טעאָריעס פון דער געשיכטע. אַ שטייגער — ראַנקע, לאַמפּרעכט, לינדנער, עדואַרד מייער א. א. אַ נייע פאַראינטערעסירונג פאַר געשיכטס־טעאָרעטישע פּראָבלעמען האָט אַרויסגערופן אין די לעצטע יאָרן דאָס באַרימטגעװאָרענע װערק פון אָסװאַלד שפּענגלער: „דער אונטערגאַנג פונם מערב“.

גאָר בולט װײַזט זיך אַרויס שוין אין פלוג די באַדײַטונג פון דעם געשיכטס־טעאָרעטישן a priori באַ דער באַטראַכטונג פון דער ייִדישער געשיכטע. שוין דער אומפאַרגלייכלעך לאַנגער קיום פונם ייִדישן פאָלק, אָפּגערעדט פון אַנדערע װירקלעכע און מכלומרשטע אומנאָרמאַלקייטן אין פאַרגלייך מיט דעם היסטאָרישן לעבן פון די אומות העולם, װאַרפט אויף די עיקרדיקע פראַגן פון דער טעאָרעטישער שטעלונג לגבי דער גאַנצקייט פון דער ייִדישער געשיכטע. פאַר דעם היסטאָריקער פון דער ייִדישער קולטור איז אַזאַ לכתחילהדיקע שטעלונג אומפאַרמיידלעך.

צום באַדויערן האָבן מיר נאָך נישט ביז צום הײַנטיקן טאָג אפילו קיין פרוּװ פון אַ סיסטעמאַטישער געשיכטע פון דער ייִדישער געשיכטס־טעאָריע. אויף דעם אָרט װעל איך זיך באַגנוגן אָנצוּװײַזן אויף די װיכטיקסטע ריכטונגען פון דער לעצטער צייט, נישט צוליב אַ ריין היסטאָרישן אינטערעס, נאָר, בעיקר, כדי דורך זייער גענעטישער און קריטישער באַלויכטונג דייטלעכער אָנצוצייכנען די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע.

די טעאָריעס פון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע, װעלכע זענען

אַנטוויקלט געוואָרן אין דער נייצייט *) לאָזן זיך, לויט מיין מיינונג, איינטיילן אין פאָלגנדע ריכטונגען:

א) די העגעליאַנישע טעאָריע (ר׳ נחמן קראָכמאַל).
ב) די אַסימיליאַטאָרישע מיסיע-טעאָריע (גייגער א., צונץ, גרעץ א. א.)
ג) די נאַציאָנאַל-גייסטיקע מיסיע-טעאָריע (דובנאָוו).
ד) די נאַציאָנאַל-פּאַלעסטינישע איזאָליאַציע-טעאָריע (מאַרגאָלין, אחד-העם).
ה) די מארפאָלאָגישע טעאָריע (שפּענגלער).
ו) די רעליגיעז-סאָציאָלאָגישע טעאָריע (מאַקס וועבער).

די דאָזיקע אַלע טעאָריעס — בּאַ אַ נאָנטערער בּאַטראַכטונג אפילו שפּענגלער — נעמען איבּער די גרונדפּרינציפּן פון העגעלס געשיכטס-פילאָזאָפישן סיסטעם, זיין דירעקטעסטע השפּעה אָבער געפינען מיר בּאַ קראָכמאַלן, וועמענס סיסטעם ס׳איז געוואָרן דער יסוד פאַר אַלע שפּעטערדיקע ריכטונגען פון יידישע טעאָרעטיקער, אָן אַ יוצא מן הכלל.

דער אויסגאַנגס-פּונקט פון קראָכמאַלס סיסטעם איז העגעלס טעאָריע פון פאָלקס-גייסט (הרוחניות שבאומה), וועלכע מיר בּאַגעגנען צום ערשטן מאָל בּאַ הערדערן, דעם פאָרגענגער פון העגעל אין דער געשיכטס-פילאָזאָפיע. די גייסטיקע גיטער (מנות, נחלות), ווי שיינקייט, גערעכטיקייט, גבורה, גוטס, חכמה און יראת-שמים, זענען בּאַ יעדן בּאַזונדערן פאָלק פאַראַן אין אַ פאַרשידענעם גראַד דערפאַר, ווייל יעדעס בּאַזונדערע פאָלק האָט זיין בּאַשטימט גייסטיג גוט, וועלכעס איז בּאַ אים גובר אַלע אַנדערע. אַזוי איז, למשל, בּאַ איין פאָלק גובר שיינקייט, בּאַ אַן אַנדערן גבורה א. א. וו.

דאָס יידישע פאָלק אָבער איז — לויט קראָכמאַלן — נישט משועבד צו קיין שום בּאַזונדערן גייסטיקן גוט, נאָר צו דעם אַבּסאָלוטן גייסט — (העגעלס טערמינאָלאָגיע) הרוחני המוחלט, וועלכער איז אידענטיש מיט

*) איך הויבּ אָן פון דער נייצייט, נישט וועלנדיק זיך אָפּשטעלן אויף דער רעליגיעזער געשיכטס-פילאָזאָפיע פון דער יידיש-מיטלאַלטערלעכער היסטאָריאָגראַפיע און פילאָזאָפיע.

גאָט. דערפון וויל אויך קראָכמאַל דערקלערן דאָס, וואָס אַנדערע פעל־קער גייען אונטער, בעת יידן זענען אַן „אייביק פאָלק״! יעדעס פאָלק נעמליך — מיינט קראָכמאַל — גייט אַדורך אַן אַנטוויקלונג פון דריי פאַזן: 1) די פאַזע פון וואַקסן (צמיחה וגידול); 2) די פאַזע פון שטאַרקייט (עז ותגבּרת) און 3) די פאַזע פון ירידה און אונטערגאַנג (ירידה וכליון). די ירידה דערקלערט קראָכמאַל אַלס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, גלייך ווי ס׳איז נאַטירלעך דער טויט ביי יעדן אָרגאַניזם. שוין אין דער צווייטער פאַזע, אין דער פאַזע פון שטאַרקייט, קומט אויף דאָס באַגערן פון תּענוגים, פון הערשאַפט און מאַכט, ווי אויך דער אבערגלויבן, וואָס זענען גורם דעם פּראָצעס פון אונטערגאַנג. אַזוי גייען אונטער פעלקער און זייערע גייסטיקע גיטער ווערן אַן אייגנטום פון דער מענטשהייט לדורות. דאָס יידישע פאָלק גייט אויך אַדורך די דריי געשיכטלעכע פאַזן, באַ אים קומט אָבער יעדעסמאָל נאָך דער ירידה נישט דער אונטערגאַנג, נאָר אויפסניי אַ פאַזע פון וואַקסן: דער אַבסאָלוטער גייסט ד׳ ה. גאָט, ראַטעוועט פון אונטער־גאַנג, וואָס איז דער אומפאַרמיידלעכער גורל פון אַלע אומות העולם.

אין דער עלטסטער תּקופה פון דער יידישער געשיכטע דויערט די פאַזע פון וואַקסן ביז צום איינגעמען פון ארץ ישראל דורך די יידישע שבטים, די פאַזע פון גבורה — ביז צום טויט פון שלמה המלך, און די פאַזע פון ירידה — ביז צום צוריקקערן פון גלות בבל. פון דאַנען אָן הויבט זיך אָן אַ צווייטע תּקופה, וועלכע לאָזט זיך ווידער איינטיילן אויף דריי פאַזן: די נייע פאַזע פון וואַקסן דויערט ביז צום טויט פון אַלכּסנדר דעם גרויסן, די צווייטע פאַזע פון גבורה — ביז צום טויט פון דער מלכּה שלמית אלכּסנדרה, און די ירידה — ביז צו די צייטן פון ר׳ יהודה און אַנטאָנינוס. עס הויבט זיך דאַן אָן אַ דריטע תּקופה, אין וועלכער די פאַזע פון וואַקסן דויערט ביז צו די נצחונות פונם איסלאַם, דערנאָך קומט די פאַזע פון גבורה, וועלכע ענדיקט זיך אין די צייטן פון רמב״ם און רמב״ן. די ירידה, וועלכע הויבט זיך דאַן אָן, דויערט ביז נאָך 5400 לבריאת העולם (אַרום 1640 לויט דער קריסט־לעכער צייט רעכנונג. [1]) דאָ ענדיקט ר׳ נחמן קראָכמאַל דעם געשיכטס־

[1]) וואַרשיינלעך איז 1640 דערפאַר דער קולמינאַציע־פונקט פון דער ירידה, ווייל אַ פּאָר יאָר דערנאָך (1648) ברעכן אויס די רדיפות פון כמיעלניצקי (גזרת ת״ח).

פילאָזאָפישן געדאַנקנגאַנג אין „מורה נבוכי הזמן“. פון דער לאָגיק פון זיין סיסטעם איז אָבער ממילא געדרונגען, אַז אויך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק איז אַ פאַזן־אַרטיגע.

עס איז איבריק צו באַמערקן, אַז דאָס געשיכטס־פילאָזאָפישע סיסטעם פון קראָכמאַלן, אויף וויפל עס איז אויפגעבויט אויף טעאָלאָגישע הנחות, קאָן נישט זיין קיין פרוכטבאַרע טעאָריע פאַר דער הייגטיקער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע; עס שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ היסטאָרישן ווערט. אויך אין זיין טעאָריע פון דער פאַזן־אַנטוויקלונג געפינען מיר נישט קיין איינהייטלעכקייט פון דעם פרינציפ פון דער איינטיילונג. מיר זעען, אַז אין די ערשטע צוויי תקופות נעמט קראָכמאַל דאָס פאָליטיש־מלוכהשע לעבן פאַר דעם מאַסשטאַב פון דער אַנטוויקלונגס־מדרגה פון דעם יידישן פאָלק, בשעת אין דער דריטער תקופה פעלט דער דאָזיקער מאַסשטאַב לגמרי. אין דער ערשטער תקופה פאַלט אויס די פאַזע פון גבורה אין די צייטן פון דעם פאָליטישן אויפשטייג אונטער שלמה׳ס מלוכה, אין דער צווייטער תקופה זעגען די חשמונאישע מלכים דער קולמינאַציע־פונקט פון דער גבורה־פאַזע, אָבער אין דער דריטער תקופה ווערט גאָר באַטראַכט דער אויפבוי פון די וויסנשאַפטן אין דער שפאַנישער צייט אַלס אַ פאַזע פון גבורה. די זעלבע איינהייטלעכקייט פעלט דעם באַגריף פון ירידה. אין דער ערשטער און צווייטער תקופה, ווו די פאַזן פון גבורה ווערן אידענטיפיצירט מיט דעם פאָליטישן אויפשטייגן, קאָן אויך די ירידה אויסגעטייטשט ווערן אין זין פון קראָכמאַלן אַלס אַ פועל יוצא פון באַגערן תענוגים, פונם שטרעבן צו הערשאַפט און מאַכט און פון דעם אויפקום פון אַבערגלויבן. אין דער דריטער תקופה קומט נאָך דער שפאַנישער פאַזע פון גלאַנץ — אין דער וויסנשאַפט — די ירידה, וועלכע באַשטייט פון צרות און גירושים, ד. ה. זי איז אַרויסגערופן דורך אויסערלעכע סיבות, נישט דורך אינערלעכער דעמאָראַליזאַציע, ווי אין די פריערדיקע פאַזן פון ירידה. עס בלייבט אַלזאָ אַ פוסטע סכעמע פון וואַקסן, גבורה און ירידה,[1] אָן אַ וועלכן ס׳איז איינהייטלעכן פרינציפ פון דער פאַזן־איינטיילונג.

[1]) די זעלבע פוסטע סכעמע פון וואַקסן, אויפבלי און ירידה דינט דעם מאָדערנעם געשיכטס־פילאָזאָף שפענגלער אַלס אַ יסוד פאַר דער טעאָריע פון קולטור־אַנטוויקלונג, פאַר דער „מאָרפאָלאָגיע“ פון דער געשיכטע, אין זיין ווערק: „Der Untergang des Abendlandes".

מיט טעאָלאָגישע הנחות איז אויך דורכגעוועבט די אַסימילאַטאָרישע און די נאַציאָנאַל־גייסטיקע מיסיע־טעאָריע. מאַרגאָלין [1] דערקלערט דעם טעאָלאָגישן כאַראַקטער פון די דאָזיקע טעאָריעס דערמיט, וואָס די עלטסטע יידישע געשיכטס־קוועלן, די פּאַלעסטינישע, שטעלן מיט זיך פאָר אַ „הייליקע שריפט” פאַר יידן און קריסטן. דאס האָט, לויט מאַרגאָלין, געפירט צום געדאַנק, אַז די יידן זענען אַ הייליק פאָלק, צו דער טעאָריע פון דער געשיכטלעכער מיסיע פון יידן. די דאָזיקע דערקלערונג איז אָבער נאָר צום טייל אַ ריכטיקע. דער טעאָלאָגישער גייסט באַהערשט דאָך אויך די געשיכטס־פילאָזאָפיע ביי די אומות העולם — העגעל! — די יידישע געשיכטס־שרייבונג האָט זיך נאָר שפּעטער ווי באַ אַנדערע פעלקער באַפרייט פון דער טעאָלאָגיע, און דאָס, בעיקר, צוליב דער פאַרשפּעטיקונג פון דער גאַנצער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, וועגן וועלכער עס וועט אונז נאָך אויסקומען ברייטער צו רעדן. אויך דער פאַקט, וואָס די יידישע געשיכטע און געשיכטס־טעאָריע איז ביז נישט לאַנג געפאָרשט געוואָרן כמעט אויסשליסלעך דורך ראַבינער, דאַרף דאָ גענומען ווערן אין באַטראַכט.

דאָס באַוווסטזיין פון דער מיסיע פון דעם יידישן פאָלק באַשטייט, ווי עס זאָגט אברהם גייגער, [2] „אין דער זיכערקייט, אַז עס וועט מקויים ווערן די גרויסע בשורה, וועלכע דאָס יידנטום האָט צום ערשטן מאָל מבשר געווען דער וועלט, די בשורה וועגן אַ גייסטיק באַפרייטער, אין אַלע אירע איברים געאייניקטער מענטשהייט”. דער יסוד פון יידישקייט דאַרף זיין דער גלויבן אין דעם אייביקן פאָרשריט פון דער מענטשהייט.

עס איז נישט שווער אויפצווייזן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן שורש פון דער מיסיע־טעאָריע. דאָס שטרעבן פון דעם יידישן בירגערטום פון מערב־אייראָפּע אין דעם 19 י״ה זיך צו אַסימילירן, צו באַקומען די פולע בירגערלעכע רעכט, שאַפט די טעאָריע, אַז יידן זענען באַרופן

---

[1]) אין זיין בוך:
„Osnownyja tieczenija w istorji jewrejskawo naroda“
Peterburg 1900.

[2]) Abraham Geiger: „Das Judentum und seine Geschichte“
Breslau 1871.

צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון ריינעם מאָנאָטעיזם און פון פאַר־ברידערונג פון דער מענטשהייט, — (לייען: פאַרברידערונג פון די יידן מיט זייערע פעלקער — בעל־הבתים!).

דער מיסיע־געדאַנק שאַפט זיך אויך אַ צוגעפּאַסטע טעאָריע פון דער יידישער געשיכטע און בפרט פון דער ייד. קולטור־געשיכטע.

לויט גרעצן איז געווען די באַשטימונג פונ׳ם יידישן פאָלק צו לערנען די אומות העולם נישט בלויז ריינעם מאָנאָטעיזם און ברידער־לעכקייט, נאָר אויך קולטור, און די יידישע געשיכטע אין די גלות־לענדער איז די געשיכטע פון קולטור און גייסט. מיט רעכט שטעלט אים מאַרגאָלין אַנטקעגן די קלאָרע היסטאָרישעווירקלעכקייט, וועלכע ווייזט אונז פונקט פאַרקערט, צייטן, ווען גאַ די אייראָפּעישע פעלקער איז געשטאַנען די קולטור מיט אַ גאַנצן הימל העכער, ווי בײַ די יידן!

נאָך ענגער איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער מיסיע־אידעע און דער געשיכטסטעאָריע פון דער עלטסטער תקופה פון דער יידישער געשיכטע, אין דער באַלייכטונג פון די מיסיע־טעאָרעטיקער. „דאָס יידנטום — זאָגט גייגער — האָט טאַקע זיינע וואָרצלען אין דער אַלטער באַשטימונג פון דעם פאָלק — און דאָך ראַנגלט עס זיך „לכתחלה” פאַר דעם געדאַנק פון אַ איינציקן גייסטיקן גאָט, וועלכער איז באַ־פרייט און ריין פון אַלץ וואָס מענטשלעך”[1]). דער געדאַנק פון „אַן איינציקן גייסטיקן גאָט, ווענעמס שטול עס איז דער הימל און די ערד — זיין פוסנבענקעלע” שטאַמט אַלזאָ, לויט גייגער, פון דער עלטעסטער צייט אָן, אַן אייגנטום פון דעם יידישן פאָלק, זיין ספּעציפישער גלויבן. קיין שפּור פון אַ סאָציאָלאָגישן אַנטוויקלונגס־מעטאָד! אַז דער גאָט פון יפתח און פון דוד ווערט נישט פאָרגעשטעלט ווי אַ גאָט פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַז דער באַגריף פון גאָט אַלס באַשעפער פון הימל און ערד איז אַנטשטאַנען אויף אַ שפּעטערער אַנטוויקלונגס־מדרגה פון דער רעליגיע, צום טייל אונטער דער השפעה פון בבל, וועגן דעם פאַרגעסט דער מיסיע־טעאָרעטישער היסטאָריקער.

אויך דובנאָוו׳ס טעאָריע וועגן יידן אַלס אַ גייסטיקער נאַציע ווייזט אונז די שטאַרקע השפעה פון טעאָלאָגישע הנחות, פון העגעליאַ־

[1]) זייט 3, דאָרט.

בישער מעטאפיזיק. א חוץ דעם איז ער, ווי אַלע יידישע געשיכטס־פילאָזאָפן, שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער רעטעניש, פאַרוואָס די יידן האָבן זיך אַזוי לאַנג דערהאַלטן אַלס נאַציע. „שוין אין דער עלטסטער תקופה, אין דער תקופה פון דעם מלוכה'שן לעבן, — זאָגט דובנאָוו — אונטערשיידט זיך די יידישע געשיכטע נאָר אין פלוג גאָר ווייניג פון דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער: די זעלביקע מלחמות און הפקרות, אינערלעכע פּאָליטישע איבערקערענישן, דינאַסטישע סיכסוכים, דער זעלביקער קלאַסנ־קאַמף, דיזעלביקע סתירה פון ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, כאָטש נישט אָן אַ ספּעציפישע באַפאַרבונג. דרינגט מען אָבער אַריין טיפער, האָבן מיר פאַר זיך קודם כּל אַ פאָלק פון גייסט". [1]

אַ שאָד נאָר, וואָס דובנאָוו הייסט אונז „אַריינדרינגען טיפער!" מיר זענען דאָך שוין געווען אויף אַ גוטן דרך פון אַ סאָציאָלאָגיש־פאַרגלייכנדער באַטראַכטונג פון דער יידישער געשיכטע! פאַר וואָס באַגניגנט זיך נישט דובנאָוו מיט דער קאָנסטאַטירונג פון אַ ספּעציפישער באַפאַרבונג? אַזוי אַרום איז אויך דובנאָוו אַ מעטאפיזישער טעאָרעטיקער פון דער געשיכטע, אויב ער זעט אין די נביאים און אין דעם משיחישן געדאַנק אַן אויסדרוק פון דעם לכתחלהדיקן כאַראַקטער פון דעם יידישן פאָלק. עס איז נישט דאָ דער אָרט אויפצווייזן, ווי אַזוי מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דער ספּעציפישער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון ארץ־ישראל די דערשיינונג פון די נביאים; [2] עס איז דאָ גענוג פעסטצושטעלן, אַז עס איז מעטאָדיש אומפּרוכטבאַר צו זוכן דערקלערונגען פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק אין זיין לכתחלהדיקן כאַראַקטער.

אויפן יסוד פון איינטיילן די געשיכטלעכע פעלקער אויף עלטעסטע (דער אַלטער מזרח), אַלטע (גריכנלאַנד, רוים) און נייע פעלקער (העגעל'ס השפּעה!), נעמט דובנאָוו אָן, אַז די יידן זענען אַן אייביק געשיכטלעך פאָלק. און דערפאַר נעמען זיי אַנטייל אין דער גע־

---

1) זע: S. Dubnow: „Die jüdische Geschichte". Ein Geschichts-philosoph. Versuch. Berlin 1898 (דייטש, איבערגעזעצט פון רוסיש).

2) גענוי וועגן דעם אנטשטיין פון די נביאים ביי מאַקס וועבער, וועמענס טעאָריע מיר וועלן צום סוף באַטראַכטן.

שיכטע פון די אַלע דריי פעלקער-גרופּן. ענלעך ווי קראָכמאַל, גיט דובנאָוו אָן אַ מעטאַפיזישע סבה. אַלס גייסטיקע נאַציע, מיינט דובנאָוו, קאָן דאָס יידנטום נישט אונטערגיין, ווייל גייסט גייט נישט אונטער. פאַר וואָס די יידן זענען אַ גייסטיקע נאַציע, דערקלערט אונז דובנאָוו גענויער, אַריבערגייענדיק צו דער „גלות-תקופה" פון דער יידישער געשיכטע. אין גלות לעבט דאָס יידישע פאָלק אָן א מלוכה, אָן אַ טעריטאָריע און אָן מיליטער. „דאָס נאַציאָנאַלע לעבן, ביי וועלכעס מען האָט אַוועקגערויבט דעם פּאָליטישן באָדן, קאָנצענטרירט זיך אויף די געביטן פונ׳ם גייסט".

עס שטעלט זיך קודם די פראַגע, צי איז טאַקע נישט פאַראַן קיין אַנדער געביט פונ׳ם פאָלקס-לעבן, חוץ דעם פּאָליטיש-מלוכהשן לעבן פון איין זייט און דעם „גייסטיקן" לעבן פון דער אַנדערער זייט? דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן פון די יידן פאַרנעמט דאָך אַ חשובן פּלאַץ אין דובנאָווס געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק! אַ חוץ דעם איז דאָך דובנאָוו מודה, אַז די יידן זענען אָפט געשטאַנען אונטער דער גייסטיקער און קולטורעלער השפעה פון זייערע שכנים. צו זענען די שכנים, וועלכע זענען געשטאַנען קולטורעל העכער פון די יידן, געווען ווייניקער גייסטיג פון זיי? פאַרוואָס האָט נאָר די יידן געראַטעוועט זייער „גייסט" און געמאַכט זיי אַליין פאַר אַן „אייביק געשיכטלעך פאָלק"? די אידעע וועגן יידן אַלס „גייסטיקע נאַציע" האָט באַ דובנאָוון פאַרשלונגען די געשיכטס-טעאָרעטישע געדאַנקען, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז דער פאַל באַ די אַסימיליאַטאָרישע מיסיע-טעאָרעטיקער. מיר געפינען אויך באַ דובנאָוון ווערטפולע געשיכטס-טעאָרעטישע געדאַנקען, וועלכע זענען פריי פון יעדע מיסיע-מעטאַפיזיק. דאָס אַנטשטייַן פון אַ ספּעציפיש יידישער פאָלקס-נשמה דערקלערט דובנאָוו דערמיט, וואָס אין אַ גאַנצע שורה פון דורות האָבן זיך, צוליב גלייכקייט פונ׳ם היסטאָרישן גורל, אויך אָנגעזאַמלט גלייכע איינדרוקן, וועלכע האָבן דערנאָך אויסקריסטאַליזירט די פאָלקס-נשמה. [1]) דובנאָווס באַהויפּטונג, אַז די יידן האָבן אין דעם 18-טן יאָרהונדערט נישט צום ערשטן מאָל אַדורכ-

[1]) ענלעך האָט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אָטטאָ בויער פאָרמולירט דעם באַגריף פון נאַציע.

געלעבט דעם ראַציאָנאַליזם, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט הינטער זיך צוויי תּקופות פון „ראַציאָנאַליסטישע יאָרהונדערטן" — איינמאָל אין דער יודעא־העלענישער צייט און שפּעטער אין דעם אַראַבישן שפּאַניען, — דערמאָנט אונז די געשיכטס־פילאָזאָפיע פון שפּענגלער'ן, וועלכער רעדט וועגן „מאָרפאָלאָגישער גלייכצייטיקייט פון קולטורן, וועלכע ליגן ווייט פונאַנאַנדער אין דער געשיכטלעכער צייט." [1])

באַ דובנאָוון געפינען מיר אויך די מיינונג, אַז די רעליגיעזע ליטעראַטור־ שאַפונגען פון די יידן אין. דער גלות־תּקופה, אָנגעהויבן פון דעם תּלמוד, זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער טענדענץ פון די יידן זיך צו איזאָלירן פון די אַנדערע פעלקער. דעם דאָזיקן גע־דאַנק אונטערשטרייכט און דערהויבט צו אַ טעאָריע די נאַציאָנאַל־פּאַלע־סטינישע שטה פון מאַרגאָלין.

מאַרגאָלינס טעאָריע איז שוין פריי פון יעדער טעאָלאָגישער הנחה. זייער פּאַסיק רופט ער אָן די דאָזיקע באַפרייאונג פון דער יידישער געשיכטס־טעאָריע פון טעאָלאָגישע פּרעמיסן, די „סעקולאַרי־זאַציע" פון דער יידישער געשיכטע. [2]) לאָמיר זשע איצט נאָכגיין מאַרגאָלין'ס טעאָריע. די געשיכטע פון די יידן אין פּאַלעסטינע אונ־טערשיידט זיך נישט, אין כּלל גענומען, פון דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער. די יידן לעבן אַ נאָרמאַל לעבן אויף אַן אייגענער טערי־טאָריע. ערשט אין די צייטן פון די חשמונאים־מלחמות — מיינט מאַרגאָלין — וועקט זיך, אויס מורא פאַר אַסימילאַציע, אַ גייסטיקע שטימונג, וועלכע שאַפט דעם באָדן פאַר דער אינטעלעקטועלער טע־טיקייט פון די חסידים, שפּעטער פאַר די פּרושים. אַ נעץ פון נאַציאָ־נאַל־רעליגיעזע איסורים אַנטשטייט נאָך פריער, אין די צייטן פון די סופרים, און זייער לאָזונג: "עשו סייג לתורה" (מאַכט אַ צוים אַרום דער תּורה) ווערט איצט פאַרטיפט און פאַרברייטערט. די טענדענץ צו דערהאַלטן די ריינקייט פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט, פירט באַ די פּרושים צו פאַראַכטונג פון דער מאַטעריעלער וועלט, פון עולם הזה. (פון

---

[1]) דובנאָוו'ס פאַרדינסטפולע „געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק" האָט איר גרויסן ווערט נישט צוליב זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע, נאָר טראָץ איר.

[2]) אין דעם ציטירטן בוך „Osnownyja tieczenija etc."

דער נייגונג צו אַסקעזע דערקלערט מאַרגאָלין אויך דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי „פּרושים״).

כּל זמן פּאַלעסטינע איז נאָך געווען פּאָליטיש אומאָפּהענגיק, האָט נאָך געדויערט דער קאַמף פון די פּרושים מיט זייערע געגנער, וועלכע האָבן די נאַציאָנאַלע זעלבסט־פּאַרטיידיגונג געפירט נישט אויפן רעליגיעזן געביט, נאָר אויפ׳ן וועג פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. ערשט נאָך דעם חורבן פון דעם יידישן מלוכהשן לעבן זענען פולשטענדיק מנצח די פּרושים און זיי צייכענען אויך אָן דעם וועג פאַר דער ווייטערדיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק. דער מאַנגל אין רעאַלע, סאָציאַלע אינטערעסן — מיינט מאַרגאָלין — איז גורם, אַז די געדיכטע רעליגיעזע אַטמאָספער נעמט אַרום דאָס יידישע לעבן. צוליב די זעלבע נאַציאָנאַלע מאָמענטן ווערט די רעליגיע אַפילו רע־גרעסיוו נישט בלויז אין פאַרגלייך מיט די אַנשויאונגען פון די נביאים, נאָר אויך אין פאַרגלייך מיט דער תּקופה פון עזרא ביז צו די חשמונאים. עס אַנטשטייען גאַנצע גמרא־טראַקטאַטן, וועלכע רעדן געגנוי אַרום די צערעמאָניעס פון מקריב זיין קרבנות, כאָטש קיין קרבנות און קיין בית המקדש זענען שוין נישט געווען. „נאָך דער פּאַלעסטיני־שער תּקופה — זאָגט מאַרגאָלין — שאַפן שוין נישט די יידן קיין שום נייע עלעמענטן פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר באַוועגן זיך אויס־שליסלעך אין די ראַמען פון דעם אַלטן סיסטעם, צולאָזנדיק אין אים נאָר אינערלעכע ענדערונגען, הן אין אַ רעאַקציאָנערן, הן אין אַ פּאָר־שריטלעכן גייסט.״ דער תּלמוד זיגט אויף דער גאַנצער ליניע. די שפּאַנישע גלאַנץ־תּקופה פון גבירול, רמב״ם, אבן עזרא, האַלט מאַרגאָלין נאָר פאַר אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטנדע השפּעה אויף דעם גייסטיקן לעבן פון די שפּעטערדיקע דורות. אין דער תּקופה פון דעם XVI־טן ביז צום XVIII־טן יאָרהונדערט דריקט זיך אויס די אָפּאָזיציע קעגן תּלמוד נאָר אין קאַבאַליסטישע און מיס־טישע שטרעמונגען, וועלכע דער תּלמוד איז אויך לייכט גובר. ערשט די השכּלה־שטרעמונג פון דעם XVIII־טן יאָרהונדערט „וועקט דאָס יידישע פאָלק פונ׳ם שלאָף״.

די זעלביקע אַנשויונג וועגן דער ראָל פון דער רעליגיע אין דער יידישער געשיכטע, זאָגט אַרויס אחד־העם: דאָס גלות און די צרות

האָבן נישט איבערגעלאָזט פאַר דעם גייסט פון אונזער פאָלק אינם מיטלאַלטער קיין אַנדער לעבנס־קוואַל, ווי די תּורה. און ווייל די תּורה איז געוועזן אַלץ, דערפאַר איז אויך אַלץ געוואָרן תּורה, און אַ ייד האָט נישט קיין קלאַפּ געטאָן מיטן קלענסטן פינגער, ביז ער האָט נישט געפונען דערויף קיין סמך אין דער תּורה.[1]

די איזאָלירונגס־טעאָריע, וועלכע איז חוץ באַ דובנאָוון און אחד העם צום דייטלעכסטן פאָרמולירט געוואָרן דורך מאַרגאָלין, איז היינט די מערסט פאַרשפּרייטע און פּאָפּולערסטע טעאָריע פון דער יידישער קולטור־געשיכטע, און דאָך האַלט זי נישט אויס די מינדסטע קריטיק!

לאָמיר אָנהויבן פונם סוף: ערשט די אויפקלערונג פון דעם XVIII־טן און XIX־טן יאָרהונדערט, — מיינט מאַרגאָלין — „וועקט דאָס יידישע פאָלק פונם שלאָף”, ד. ה. פון דער רעליגיעזער אַטמאָספערע. פאַרוואָס, פרעגט זיך, האָט זיך ערשט דעם ראַציאָנאַליזם פונם XVIII־טן יאָרהונדערט איינגעגעבן אַ סוף צו מאַכן מיט דער אַליינהערשאַפט פונם תּלמוד? אויב דער תּלמוד איז געשאַפן און אַנטוויקלט געוואָרן צוליב דעם זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב פונם פאָלק, צוליב שוץ קעגן אַסימילאַציע, גיט אונז מאַרגאָלין נישט אָן די סבה, פאַרוואָס דער דאָזיקער טריב איז ערשט אינם 18־טן יאָרהונדערט פלוצים גאַנץ אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויך די אַנדערע סיבה, וועלכע מאַרגאָלין גיט אָן, כדי צו ערקלערן די הערשאַפט פון דער רעליגיע ביז צום XVIII־טן יאָרהונדערט, דער מאַנגל אין אַ אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה, דער מאַנגל אין אייגענע סאָציאַלע און „רעאַלע” (?) אינטערעסן, איז דאָך נישט מיטאַמאָל אינם XVIII־טן יאָרהונדערט פאַרשוונדן! אַזוי בלייבט אויך אומדערקלערט אַזאַ תּקופה ווי שפּאַניע. פאַר וואָס הערט אויף אין שפּאַניע די אויסשליסלעכע הערשאַפט פון דעם תּלמוד און ס'אַנטוויקלט זיך אַ רייכע פּאָעזיע און פילאָזאָפיע? מאַרגאָלין פאַרשוויגט אויך אינגאַנצן די ווירקונג פון דעם הומאַניזם אויף די יידן, די קולטור פון די איטאַליענישע יידן, די פּאָעזיע פון עמנואל הרומי און די וויסנשאַפטלעכע קריטיק פון אַ ר' עזריה מן האדומים. מיר פאַר־

[1] זע: אחד העם: „על פרשת דרכים” III, ילקוט קטן, זייט 47

שטייען אויך נישט, ווען מיר זאָלן זיך שטעלן אויף דעם יסוד פון מאַרגאָלינס טעאָריע, פאַר וואָס יידן זענען אין דרום-פראַנקרייך די פּיאָנערן פון דער מאַטעמאַטישער און מעדיצינישער וויסנשאַפט, אין דערזעלבער צייט, ווען אין צפון-פראַנקרייך האָבן די יידן אויפצווייזן בלויז פאָרשריטן אויפן געביט פון...... תוספות! מאַרגאָלין אַליין דערמאָנט דעם פאַקט, אַז אין ערגיץ איז דאָס ניווא פון דעם גייסטיקן לעבן בײַ יידן נישט אַזוי נידריג געפאַלן, ווי אין די פּויליש-ליטווישע לענדער אין דער צייט פונם XVI-טן ביז צום XVIII-טן יאָרהונדערט, אָבער לויט זיין שטה איז אויף דעם נישטא קיין דערקלערונג! מיר קאָנען אויך נישט — ווי עס טוט אחד העם — דערקלערן די הער-שאַפט פון דעם תלמוד אַלס סבה פון רדיפות און צרות. מאַרגאָלין אַליין איז מודה, אַז אין די צייטן פון צרות און רדיפות קומען אויף קאַבאַליסטיש-מיסטישע שטרעמונגען, וועלכע זענען אין אָפּאָזיציע צום תלמוד!

לויט מאַרגאָלין קומט אויס, אַז דאָס יידישע פאָלק פאַלט אַריין אין די גלות-לענדער, ווי די מיטישע בת-מלכה, אין אַ צוויי־טויזנט־יאָריקן שלאָף, אַרומגעצוימט מיט די איסורים פון תלמוד און פּוסקים, און עס וואַכט אויף, ווי דורך דעם קוש פון דעם בן מלך, ערשט מיט דעם אויפקומען פון דער השכלה-שטרעמונג אין דעם XVIII-טן יאָרהונדערט! בעת גרעצן האָט געבראַכט זיין מיסיע-טענדענץ דערצו, אַז ער זעט אין דער גלות געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אַ כסדרדיקן פאָרשריט פון גייסט און קולטור, האָט מאַרגאָלינען דערפירט די נאַציאָנאַל-פּאַלעסטינישע טענדענץ צום אָפּלייקענען יעדע אָריגינעלע קולטור-שאַפונג מחוץ פּאַלעסטינע.[1] די איבערשאַצונג פון די פאַקטאָרן טע-ריטאָריע און פּאָליטיש-לעבן, און ממילא די אונטערשאַצונג פון דער באַדייטונג פון דעם ווירטשאַפטלעכן מאָמענט, פירט דובנאָוון צו דער טעאָריע וועגן יידן אַלס גייסטיקער נאַציע און מאַרגאָלינען — צו דער טעאָריע פון נאַציאָנאַלער איזאָלאַציע מיט דער הילף פון דער רעליגיע.

דאָס מעכטיק ווערן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג

---

[1]) אחד העם פאַרנעמט אַן אַנדערע שטעלונג בנוגע דער אָריגינאַליטעט פון דער יידישער קולטור אין גלות, אָבער זיין אָנשויאונג וועגן דער ראָל פון דער רעליגיע אין דער יידישער געשיכטע אַלס אַ איזאָלאַציע-מיטל, דעקט זיך כמעט מיט מאַרגאָלינס.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן דערקלערט אונז, פאַרוואָס די איזאָלירונגס-טעאָריע, וועלכע אונטערשטרייכט אַזוי שטאַרק דעם מאָמענט פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלער ספּאָנטאַנישקייט אין דער יידישער געשיכטע, איז, נישט קוקנדיק אויף אירע סאָציאָלאָגישע טעותן, אַלגעמיין אָנגענומען און פּאָפּולער געוואָרן.

פון אַ גאַנץ נייעם שטאַנדפּונקט פּרוווט צו דערקלערן די מכלומרשטע איינציקאַרטיקייט און אומפאַרגלייכלעכקייט פון דער יידישער קולטור-אַנטוויקלונג אָסוואַלד שפּענגלער אין זיין ווערק: „דער אונטערגאַנג פונם מערב״. 1) שפּענגלער באַטראַכט די יידישע קולטור פאַר א קינד פון דעם מאַגישן קולטור-קרייז, צו וועלכן עס געהערן אויך די אַראַבער, פּערסן, כשדים (כאַלדעער), אַראַמעער און — דאָס פריע קריסטנטום. טראָץ דער פאַרשידנקייט פון די פעלקער, ראַסן און לענדער, וועלכע גייען אַריין אין באַשטימטן קולטור-קרייז, איז דאָך דער כאַראַקטער פון דער קולטור אַן איינהייטלעכער. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאַגישער קולטור איז קודם כל דאָס געפיל פון דער וועלט אַלס א הייל, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַן אויבן און אַן אונטן. די געשיכטע ווערט פאַרשטאַנען אין דער מאַגישער קולטור, ווי אַ חלל פון דער צייט, וועלכער הויבט זיך אָן מיט דער באַשאַפונג פון דער וועלט און ענדיקט זיך מיט איר אויסלייזונג (דער משיחישער געדאַנק). עס איז פאַראַן אַ דואַליזם פון גוטס און שלעכטס, פון רוחניות און חמריות, אַ קעגנזאַץ, וואָס ענדיקט זיך מיט דעם נצחון פון גוטס. אַלץ, וואָס געשעט אין דער וועלט איז אַ גזרה מן השמים, אָדער „קיסמעט״, דער מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן. מענטשן טיילן זיך דערפאַר אין אויסדערוויילטע, ד. ה. אין אַזעלכע, אויף וועלכע עס רוט די שכינה פון גאָט, און אין אַזוינע, וועלכע זענען פון גאָטס גנאָד אויסגעשלאָסן געוואָרן. דערפאַר — האַלט שפּענגלער — קען נישט די מאַגישע קולטור קיין טעריטאָריאַל אָפּגעגרעניצטע פעלקער, נאָר א „הסכם״ (consensus) פון אַלע די, וועלכע ס'פאַראייניקט דערזעלבער גלויבן,

1) איך בין דאָ געצוווּנגען נאָר גאַנץ בקיצור איבערצוגעבן דעם געדאַנקנגאַנג פו שפּענגלער בנוגע דער יידישער קולטור, וואָס איז ענג צונויפגעפלאָכטן מיט זיין געשיכטספילאָזאָפישן סיסטעם.

ד. ה. דערזעלבער גייסט פון גאָט, מעגן זיי זיין צעוואָרפן אַפילו אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט. אַלע מאַגישע קולטור־פעלקער האָבן הייליקע ביכער, אין וועלכע ס'איז אָנגעשריבן „גאָטס וואָרט", — למשל, די יידן — די תורה, די אַראַבער — דעם קאָראַן, די פערסן — דאָס בוך אוועסטא. די שפּעטער אַנטוויקלטע ליטעראַטור ווערט נאָר באַטראַכט פאַר קאָמענטאַרן, פּירושים צו דעם איינציקן הייליקן בוך. אַזוי אַנטשטייען בײַ יידן די משנה, דער תּלמוד און פּוסקים, בײַ די אַראַבער דער חאדית.

די אַרומצוימונג פון דעם יידישן לעבן דורך אַ געדיכטן פּלויט פון רעליגיעזע איסורים, דערקלערט שפּענגלער אַלס אַן אַלגעמיינע דערשיינונג פון דער ירידה און פאַרשטיינערונג פון דער קולטור. די אַנטוויקלונג פון דער קולטור איז גלייכבאַדייטנד מיט דער אַנט־וויקלונג פון די שטעט. עס קומען אָבער צייטן, ווען די שטעט ווערן וויסט, די באַפעלקערונג ווערט וואָס אַ מאָל שיטערער, און דער פּשוטער פּויער, דער פעללאַך, באַהערשט די חורבות פון דעם לאַנד, אין דערזעלבער צייט ווערט אויך די רעליגיע פאַרשטיינערט, זי הערט אויף זיך צו אַנטוויקלען: דאָס רעליגיעזע לעבן באַשטייט בלויז אינם געניטעם דערפילן פון יעדן אות פון דעם רעליגיעזן געזעץ. אַזאַ פאַר־שטיינערונג פון דער קולטור הערשט זייט יאָרהונדערטן אין כינע. די יידן — האַלט שפּענגלער — זענען אַריין אין דער תּקופה פון פעללאַכן־קולטור אין די צייטן פון ר' יהודה הלוי (sic!), זייט דעמאָלס איז אין דער יידישער קולטור גאָר קיין נייעס מער נישט געשאַפן געוואָרן, בלויז אין דער מיסטיק קומען אויף דריי קדושים: שפּינאָזא, בעל שם און... אָטאָ ווייִנינגער! (sic!).

די יידן האָבן זיך אַזוי לאַנג דערהאַלטן אַלס פאָלק, ווי לאַנג די איירָאָפּעישע פעלקער זענען געשטאַנען קולטורעל נידריקער ווי די יידן, ד. ה. ווי לאַנג זיי האָבן נאָך נישט דערגרייכט די מדרגה פון שטאָטישער קולטור. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען זיי ווערן מאָרפאָ־לאָגיש מיט די יידן גלייך, מוזן די יידן זיך מיט זיי אַסימילירן. די מערב־איירָאָפּעישע און אַמעריקאַנישע יידן — זאָגט שפּענגלער — האַלטן ביים אונטערגיין.

עס איז איבריק אָנצוווייזן אויף שפּענגלערס לעכערלעכע קוריאָזן, וועלכע קומען אַרויס על פּי רוב פון זיין עם־הארצות אויפן געביט פון דער יידישער געשיכטע. דער עיקר, די גאַנצע קאָנצעפּציע, הן בנוגע דער מאַגישער קולטור בכלל, הן בנוגע די יידן בפרט, איז פול מיט סתירות. געהערט דאָס קריסטנטום אויך צו דעם מאַגישן קולטור־קרייז — און שפּענגלער איז עס דאָך מודה פאַר דעם פריען קריסטנטום — דאַן פאַלט דאָך אַוועק די גאַנצע טעאָריע וועגן מאַגישע און נישט מאַגישע פעלקער! אויב דאָס אַלץ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאַגי־שער קולטור, ווי דואַליזם פון גוטס און שלעכטס, אויסלייזונג, הייליק בוך, און וואָס נאָך וויכטיקער, דער הסכם — consensus, — גילט אויך פאַר דער פריער קריסטלעכער קולטור, דאַן קאָן דאָך נאָר זיין די רייד וועגן דעם, אַז די „מאַגישע פעלקער" זענען לענגער געבליבן אויף דעם ניוואָ, פון וועלכן די אייראָפּעישע פעלקער האָבן זיך שוין העכער אַרויפגעהויבן, דער אונטערשיד פון די דאָזיקע קולטורן איז אַלזאָ אַ גראַדועלער און נישט קיין מעטאַפיזישער. 1)

סתירותפול איז אויך זיין אויסטייטשונג פון דער יידישער קולטור־אנטוויקלונג בפרט. זענען די יידן אין דעם מיטלאַלטערלעכן אייראָפּע פאַרשטייער פון אַן אויסגעשפּראָכן שטאָטישער קולטור, קאָן דאָך זייער רעליגיע נישט זיין קיין פעללאַכישע! פעללאַכישע קולטור איז דאָך שוין אַ פּראָדוקט פון דעם פונאַנדערפאַלן פון דער שטאָטישער קולטור.

עס בלייבט דאָך אָן אַ ספק אַן אונגעהויער גרויסער פאַרדינסט פון שפּענגלערן, וואָס ער האָט אין דער גאַנצער ברייט אויפגעוואָרפן דאָס פּראָבלעם פון דער פאַרגלייכנדער מאָרפאָלאָגיע פון קולטורן. ווענדט מען אָן דעם מעטאָד פון פאַרגלייכנדער קולטור־מאָרפאָלאָגיע אויף דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, דאַן קאָן מען געפינען אַ דער־קלערונג פון אַלע אירע מכלומרשט אומדערקלערלעכע אומנאָרמאַלקייטן. מען דאַרף אָבער באַ דער פאַרגלייכנדער מאָרפאָלאָגיע פון קולטורן נעמען פאַר דעם אויסגאַנגס־פונקט זייערע יעדעסמאָליקע ווירטשאַפט־

1) די פראַגע פון „מאגישער" קולטור איז נאָר אַ קליינער ביישפּיל פון דער אומ־נוויזיקער מיסטיפיקאַציע פון סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען, מיט וועלכער ס'איז פול זיין ווערק.

לעכע און סאָציאַלע באַדינגונגען, און נישט לכתחלהדיקע מעטאַפיזישע השערות, ווי עס טוט שפּענגלער.

לאָמיר נאָך צולעצט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שטה פון מאַקס וועבער.

די וואָרצלען פון דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור זוכט מאַקס וועבער אין די פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן פון דעם אַלטן פאָלק ישראל אין פּאַלעסטינע. [1] דער בונד פון יהוה מיט זיין פאָלק ישראל האָט געהאַט אַ אומגעהויערע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע; ער האָט געבוירן דעם משיחישן געדאַנק, דאָס זעלבסטבאַוווסטזיין פון די יידן אַלס א „עם קדוש“, און די קאָנסעקווענצן דערפון, די ריטועלע אָפּזונדערונג פון די יידן דורך אַ געדיכט נעץ פון איסורים. פאַרוואָס אָבער האָבן דוקא די יידישע שבטים באַנומען זייער באַציונג צו גאָט ווי אַ קעגנזייטיקן בונד? דאָס דערקלערט מ. וועבער מיט דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון פאָלק ישראל אין די ערשטע צייטן נאָך דעם באַזעצן זיך אין דעם לאַנד.

אין דער פאָרם פון אַ קאָנטראַקט, פון אַ בונד (ברית), פלעגן רעגולירט ווערן די באַציונגען צווישן די גרונדבאַזיצנדיקע משפחות און די גאַסט-שבטים: וואַנדערנדיקע פאַסטוכער, בעלי מלאכות, סוחרים און כהנים, וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס „גרים“ און „תושבים“. דערפאַר איז אויך יהוה פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ גאָט, וועלכער האָט געשלאָסן אַ קעגנזייטיקן בונד מיט זיין פאָלק ישראל. די באַדינגונגען פון דעם בונד (ברית) פאַר דעם פאָלק ישראל באַשטייען קודם כל אין דעם אומבאַדינגטן געהאָרזאַם צו יהוהן און אין דעם דערפילן פון זיינע געבאָטן.

דער אונטערגאַנג פון מלכות ישראל און די מורא פאַר אַ גלייכן גורל אין יהודה איז דער הינטערגרונד פאַר דעם אויפקומען פון די נביאים, וועלכע זעען די סיבה פון אַלע אומגליקן אין דער אומטרייקייט

---

[1] זע: Max Weber: „Religionssoziologie“ III Teil: „Das antike Judentum“, Türingen 1921 (אַרויסגעגעבן נאָכן טויט פון מחבר).

צו דעם פאַרבינדעטן יהוה. אויף זייער זייט שטייען די לוויים — די לערער פון יהוה׳ס תורה, און די דעקלאַסירטע פויערים.

נאָך דעם גלות בבל איז געשאַפן געוואָרן אַ בונד פון די, וועלכע האָבן געהיט די טראַדיציעס פון די נביאים און נאָכגעגאַנגען די ריטו־עלע מצוות פון די כהנים. דער רעשט פאָלק, וועלכער האָט נישט גע־וואָלט, אָדער נישט געקאָנט דערפילן אַלע געבאָטן, איז געווען דאָס „עם הארץ״, די דאָרף־באַפעלקערונג. די שטאָטישע קליינבירגער זענען פון דער דאָזיקער צייט אָן די טרעגער פון דער יידישער רעליגיע, ווייל נאָר זיי האָבן געקענט נאָכקומען אַלע אירע פאָדערונגען.

די רעליגיעזע באַוועגונג האָט אָפּגעזונדערט נישט בלויז די יידן פון די העלענען, נאָר אויך די פרומע יידן (חסידים, שפּעטער פרושים) פון דער אַריסטאָקראַטיע און דער דאָרף־באַפעלקערונג, וועלכע האָבן נישט מקיים געווען אַלע מצוות און איסורים. די יידישע רעליגיע — האַלט וועבער — איז דעמאָלס געוואָרן אַ רעליגיע פון קליינבירגער.

מאַקס וועבער גיט אונז אַ שאַרפזיניקע אַנאַליזע פון דער יידישער רעליגיע ביז צו דער צייט פון די פרושים [1], אויפוויזנדיק, וועלכע סאָציאַלע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק עס זענען הינטער איר געשטאַנען אין יעדער באַזונדערער תקופה. נישט ריכטיק זענען אָבער די אויספירונגען, וועלכע ער מאַכט בנוגע דער זעלבסטאיזאָלירונג פון די יידן אין מיטלאַלטער.

וועבער האַלט, אַז די רעליגיעזע איזאָלירונגס־טענדענצן פון די פרושים אין פאַלעסטינע, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט לרוב פון שטאָ־טישע קליינבירגער, האָט געווירקט ערשטנס דערויף, וואָס די יידן זענען געווען אין מיטלאַלטער, אין אַלע לענדער פון זייער ישוב, אַ שטאָטיש „גאַסטפאָלק״, און צווייטנס, האָט די רעליגיעזע איזאָלאַציע, וועלכע איז שוין געווען פאַרטיק אין פאַלעסטינע, געפירט דערצו, אַז די יידן האָבן זיך אין די אַלע לענדער סיי סאָציאַל, סיי קולטורעל פרייוויליק איזאָלירט פון די אַרומיקע פעלקער — בעל־הבתים. דאָס געטאָ האָבן די יידן אַליין געוואָלט — זאָגט וועבער. מ. וועבער

[1]) ליידער האָט דער פריצייטיקער טויט איבערגעריסן זיין אַרבעט וועגן יידן, וועלכע האָט געזאָלט אַרומנעמען אויך די צייטן פון דעם תלמוד.

פֿאַרטײַשט די סיבה מיט דעם פּועל־יוצא: ריכטיק איז אַפֿילו, אַז די ייִדישע רעליגיע איז שוין אין פּאַלעסטינע, אין דער צייט פֿון די פּרושים, געווען אַ איזאָלירנדע, אָבער נישט זי האָט געפֿירט די ייִדן צו באַזעצן זיך נאָר אין שטעט און צו איזאָלירן זיך סאָציאַל און עקאָנאָמיש. מיר ווייסן דאָך, אַז ביז צום סוף פֿון דעם אַלטערטום זענען די ייִדן אין די לענדער אַרום דעם מיטללענדישן ים געווען נישט בלויז סוחרים און בעלי־מלאכות, אַלזאָ שטאָט באַוווינער, נאָר אויך גרונדבאַזיצער און ערד־אַרבעטער (קאָלאָנען). ערשט די מיטלאַלטערלעכע רעכטלעכע און ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטנישן האָבן די ייִדן געצוווּנגען צו באַזעצן זיך אין די שטעט און צו ווערן איזאָלירט ווירטשאַפֿטלעך, סאָציאַל און רעכטלעך. די דאָזיקע ווירטשאַפֿטלעכע, סאָציאַלע און רעכטלעכע איזאָלאַציע האָט פֿאַרטיפֿט און באַפֿעסטיקט די רעליגיעזע איזאָלירונגס־טענדענצן בײַ ייִדן, וועלכע האָבן שוין פֿון לאַנג עקזיסטירט.

בעת פֿאַר דער פּאַלעסטינישער תקופֿה באַמיט זיך מ. וועבער צו דערקלערן די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער רעליגיע אַלס אַ פּועל־יוצא פֿון דער געגעבענער סאָציאַלער און ווירטשאַפֿטלעכער שיכטונג פֿון פֿאָלק, זעט ער אין דער „גלות־תקופֿה״ אין דער ייִדישער רעליגיע דעם מעכטיקן פֿאַקטאָר, וועלכער האָט באַשטימט אַפֿילו די ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע סטרוקטור. אין דעם ערשטן פֿאַל האַלט ער די ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק פֿאַר אַ פּרימערע דערשײַנונג, אין צווייטן פֿאַל פֿאַר אַ סעקונדערע. דאָס ליגט אָבער אויף דער ליניע פֿון זײַן רעליגיעז־סאָציאָלאָגישער שיטה, וועלכע באַשטייט אין דעם, וואָס צוערשט זוכט ער די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע וואָרצלען פֿון אַ באַשטימטער רעליגיע, אָדער רעליגיעזער סעקטע, מאַכט אָבער דערנאָך די דאָזיקע סעקטן, אָדער רעליגיע־פּסיכאָלאָגיע, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער ליניע פֿון דער ווייטערער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג.

די דאָזיקע איבערזיכט פֿון די וויכטיקסטע טעאָריעס פֿון דער ייִדישער קולטור געשיכטע דאַרפֿן אונדז געבונגנד איבערצייגן, אויך וועלכע פֿאַלשע וועגן עס פֿאַרפֿירן אונדז אַלע לכתּחילהדיקע טעאָלאָגישע, מעטאַפֿיזישע, נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע און, אַפֿילו, קולטור־פּסיכאָלאָגישע

הנחות, — בקיצור אַלע פאָרמען פון מיסטיפיצירן קולטור-היסטאָרישע פּראָבלעמען.

כדי צו קומען צו אַ ריכטיקער לעזונג פון די אַלע אויפגעוואָרפענע פּראָבלעמען, דאַרף מען צוגיין צו זיי מיט דער מאָס פון אַ פאָר-אורטייל־ספרייער אַנאַליזע פון די יעדעסמאָליקע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דעם איינציקן אָבער אומאויפהערלעך וואַריאַבלען, היסטאָרישן גורם. געוויסע פּראָבלעמען וועלן זיך אַרויסווייזן בלויז אַלס שיינבאַר איינציקאַרטיקע, אין ווירקלעכקייט — אַלס אַלגעמיינע סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער קולטור-געשיכטע.

לאָמיר נעמען דאָס פּראָבלעם, וועלכעס שטייט אין צענטער פון אַלע דערמאָנטע טעאָריעס, די פראַגע וועגן דער ראָל פון דער רעליגיע אין דער יידישער קולטור-אַנטוויקלונג. אין גרונד גענומען, איז דאָס פּראָבלעם א צווייפאַכיקס: ערשטנס, פאַרוואָס האָט די רעליגיע געשפּילט די ראָל פון דער אַליינהערשערין אין דער יידישער קולטור-אַנטוויקלונג און ציז האָט זי טאַקע די דאָזיקע ראָל געשפּילט, און צווייטנס, פאַרוואָס האָט די רעליגיע בײַ יידן באַהערשט דאָס קולטורעלע לעבן אומפאַרגלייכלעך לענגער, ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער?

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן בײַ דער קריטיק פון מאַרגאָלינס טעאָריע וועגן רעליגיעזער איזאָלאַציע, אַז אַפילו אין דעם אייגנטלעכן מיטלאַלטער איז דאָס קולטור-לעבן פון די יידן נישט אין אַלע לענדער גלייך. דאָס נעמט זיך איינפאַך דערפון, וואָס אויך די קולטור פון די פעלקער, צווישן וועלכע די יידן זענען געוועזן צעשפּרייט, זענען געשטאַנען אויף פאַרשידענע מדרגות פון דער ווירטשאַפטלעכער און דערפאַר אויך קולטורעלער אַנטוויקלונג.

אין דעם ווירטשאַפטלעך אָפגעשטאַנענעם צפון-פראַנקרייך בליט די סכאָלאַסטיק. די יידישע קולטור איז דאָ אַ תלמודישע, עס בליען די תוספות-שולן. אין דרום-פראַנקרייך, אין שפּאַניע, לענדער מיט אַן אַנטוויקלטער געלט-ווירטשאַפט, בליען נאַטורוויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע, און אויך די יידן באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן אויפבלי פון דער קולטור. די איטאַליענישע יידן באַהאַלטן זיך אויך נישט הינטער

די מויערן פון דעם תּלמוד, נאָר פאַרקערט, זיי באַטייליקן זיך אַקטיוו אין די קולטור־שאַפונגען פון דעם רענעסאַנס.[1] אויב אין די פויליש־ליטווישע לענדער הערשט בײַ יידן דער תּלמוד און פּילפּול ביז צום אָנהויב פון דעם 19־טן יאָרהונדערט, דאַרף עס אויך נישט זיין קיין חידוש: אין דעםווירטשאַפטלעך, סאָציאַל און פּאָליטיש פּאַרשפּעקטיקטן פּוילן הערשט ביז צו דער דאָזיקער צייט די מיטלאַלטערלעכע קולטור. צו דערזעלבער צייט, ווען בײַ די פּוילן באַהערשן די שולן די יעזויטן, בליען בײַ יידן די ישיבות און חדרים.

דער פעלער פון די טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער איזאָלאַ־ציע פון דעם יידישן פאָלק מיט דער הילף פון דער רעליגיע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי באַטראַכטן די גלות־געשיכטע פון די יידן אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע, איינשליסלעך פּוילן, ווי איין גאַנצ־קייט. עס באַקומט זיך דאַן אַ בילד פון איין לאַנגער גלות־נאַכט, אין וועלכער די רעליגיע האָט בײַ יידן באַהערשט דאָס גאַנצע קולטורעלע לעבן, און די לענדער ווי שפּאַניע, דרום־פראַנקרייך, איטאַליע, קוקן דאַן אַרויס ווי קורצוויייליקע, אומפאַרשטענדלעכע, ליכטיקע מאָמענטן. אויף דעם סמך ווערט דערנאָך פאַרזיכערט, אַז „ערשט די השכּלה־באַוועגונג וועקט דאָס יידישע פאָלק פון דעם רעליגיעזן שלאָף" (מאַרגאָלין). נעמט מען אָבער אין באַטראַכט, אַז דער רוב מנין ובנין פון די מערב־אייראָפּעישע יידן געפינט זיך שוין אין דעם 15־טן יאָר־הונדערט אין די פויליש־ליטווישע לענדער, ווו ער בלייבט ווייטער שטעקן אין דעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן מיטלאַלטער, צוליב דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פּוילישער מלוכה, דאַן ווערט פאַר־שטענדלעך, פאַרוואָס די רעליגיע האָט בײַ יידן געשפּילט אַזוי לאַנג די דאָמינירנדע ראָל אין דעם קולטור־לעבן.

מאַרגאָלין רעדט וועגן דער באַפרייונג פון דער יידישער גע־שיכטס־פאָרשונג פון טעאָלאָגישע הנחות, וועגן איר „סעקולאַריזאַציע". עס איז אָבער נויטיק נאָך מער: אַ אויסגעהאַלטענער סאָציאָלאָגישער מעטאָד, וועלכער זאָל זיין פריי פון כּל המינים מיסטיפיקאַציע.

ד"ר ר. מאהלער

---

[1]) דייטלעך אונטערשטרייכט גידעמאַן דעם גרויסן איינפלוס פון דער אַרומיקער וועלט אויף דער יידישער קולטור און ליטעראַטור.

דאָס וואַרשעווער בירגערטום און די יידן אין דער II־טער העלפט פון XVIII־טן י. ה.

(ביז 1788)

I.

אין XV־טן און אין דער I־טער העלפט פון XVI־טן י. ה. בילדן די יידן אין וואַרשע אַ גוט אָרגאַניזירטע קהילה, זיי האָבן דאָ אַן אייגענעם בית־עולם, אַ שול, און איינע פון די אַלטע ווארשעווער גאַסן הייסט די יידן־גאַס, צוליב דער גרויסער צאָל יידן, וואָס האָט דאָרט געוווינט. דאָס קומט פאַר אַ דאַנק דעם, וואָס מאַזאָוויע איז ווירטשאַפטלעך שוואַך אַנטוויקלט, און די יידן, פירנדיק אַ רירעוודיקן האַנדל און פאַרנעמענדיק זיך מיט מלאכה, דערפילן אַ וויכטיקע ווירטשאַפט־לעכע פונקציע. זיי ווערן דעריבער געשטיצט נישט בלויז פון דער שליאַכטע, וועמענס ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן זיי דערלעדיקן, נאָר אויך פון דעם בירגערטום, וואָס געניסט פונם יידישן קרעדיט.

אגב, ברענגט דער דאָזיקער קרעדיט, וואָס די יידן פלעגן געבן די מיעשטשאַנעס, א גרויסן שאָדן די יידן גופא, ווייל די מיעשטשאַנעס באַמיען זיך אָפטמאָל פטור צו ווערן פון די יידן און דורכדעם אויך פון די חובות. — אָבער וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער רעדן.

צוזאַמען מיט דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון וואַרשע ווערן די באַציונגען צווישן די מיעשטשאַנעס און די יידן אַלץ מער פיינטלעכע. די מיעשטשאַנעס קעמפן אויף צוויי פראָנטן, אָרגאַניזירנ־דיק געגן זיי (די יידן) עקסצעסן און אַרויסבאַקומענדיק פון די פּוי־לישע פירשטן און קיניגן פאַרשידענע באַגרענצונגען פון די יידישע רעכט.

מיר זעען טאַקע, אַז די פּוילישע קיניגן גיבן דער שטאָט אַ גאַנצע ריי פּריווילעגיעס, באַגרענעצן דעם אויפהאַלט פון די יידן אין

וואַרשע, בּפרט נאָך, אַז דאָס בּירגערטום האָט צו דעם צוועק קיין געלט נישט געקאַרגט. און אָט גיט דער מאַזאָווישער פירשט יאַנוש [1]) אין יאָר 1525 אַרויס אַ דעקרעט, וואָס פאַרבּאָט די יידן צו וווינען אין וואַרשע. דעם דערמאָנטן דעקרעט בּאַשטעטיקט זיגמונט דער אַלטער אין יאָר 1527 און ער גיט נאָך דאַבּיי צו, אַז נישט נאָר אין דער שטאָט, נאָר אַפילו אין די פאָרשטעט טאָרן די יידן נישט וווינען אונטער אַ שטראָף פון קאָנפיסקירן זייערע גיטער. אין יאָר 1570 גיט זיגמונט אויגוסט אַרויס אַ בּאַשטעטיקונג פון דעם דערמאָנטן פריווילעג, גלייכצייטיק אָבּער מאַכט ער אין אים געוויסע ענדערונגען, וואָס האָט די שפּעטערדיקע יידן געדינט פאַר אַ געוויסן יסוד צו אַ לענגערן אויפהאַלטן זיך אין דער הויפּטשטאָט. די שינוים זענען פאָלגנדע: די יידן טאָרן נישט וווינען אין וואַרשע שטענדיק, מיטן אויסנאַם פון די סיימען, בּעת וועלכע זיי מעגן פריי זיך אויפהאַלטן אין דער הויפּטשטאָט און פאַרנעמען זיך מיט האַנדל. די יידן איז אויך דערלויבּט צו קומען קיין וואַרשע אין געריכטס-ענינים. זעלבּסטפאַרשטענדלעך דאַרף דאָס פאָרקומען מיט דער דערלויבּניש פון מאַגיסטראַט און אָן אַ רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל. יידן, וואָס קומען אומגעזעצלעך קיין וואַרשע, האָט דער מאַגיסטראַט דאָס רעכט צו דערווייטערן. [2]) אין יאָר 1580 בּאַשטעטיקט סטעפאַן בּאַטאָרי אין גראָדנע די אויבּן דערמאָנטע פריווילעגיעס, וואָס וואַרשע האָט געהאַט בּאַקומען: ער פאַרווערט די יידן צו וווינען אין וואַרשע און אין די פאָרשטעט, צו פאַכטן די שטאָטישע הכנסות, און הייסט די יידן, וואָס קומען אָן קיין וואַרשע, אַרויסבּאַקומען דערלויבּנישן פון דעם שטאָטישן אַמט. וולאַדיסלאַוו דער IV-טער פאַרשאַרפט נאָך דעם פריווילעג אין יאָר 1636, [3]) אַרויפלייגנדיק אויף די נישט געהאָרזאַמע יידן אַ שטראָף פון 2.000 „רויטע גילדן", אָבּער דערזעלבּער קיניג האָט פון דער אַנדערער זייט מיט אַ יאָר פריער אַרויסגעגעבּן די יידן אַ פריווילעג, וואָס האָט פאַר זיי געהאַט אַ גאָר גרויסע בּאַדייטונג; דהיינו, ער דערלויבּט די

[1]) הילאַרי נוסבּוים: „פון דער יידישער געשיכטע אין וואַרשע" (פּויליש).

[2]) דאָרט.

[3]) די אַקטן פון אַלט-וואַרשע, הויפּט-אַרכיוו נר' 1125

יידן בשעת ירידים און יאָרמערק פריי זיך אויפצוהאַלטן אין וואַרשע און פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, דאַביי לייגט ער אַפילו אַרויף אויף דעם מאַגיסטראַט אַ שטראָף פון 1000 גריוונעס אין פאַליוועץ ער זאָל אין דער דערמאָנטער צייט די יידן מאַכן וואָס פאַר נישט איז שטערונגען.[1] מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין יאָר 1646, פאַרווערט דערזעלבער קיניג אין קראָקע דעם מאַגיסטראַט פון אַלט-וואַרשע, צו שטערן דעם קיניגלעכן מעקלער, דעם יידן מ אַ ר ק אין זיין אַרבעט און דערלויבט אים צו פאַרבלייבן אין שטאָט.[2] אַ סברה, אַז די יידן פלעגן זיך אַלץ מער אַריינבאַקומען אין דער הויפּטשטאָט, וואָרום ס'ווערן כסדר אַרויסגעגעבן אַלץ שאַרפערע פאַרבאָטן, ווי, (למשל), דער אוניווערזאַל פון יאַן דעם III-טן אין יאָר 1663, און די סיים-דעקרעטן, אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1676, 1737, 1740, 1761, וואָס פאַרווערן די יידן צו וווינען אין וואַרשע און 2 מייל אַרום, אונטער אַ שטראָף פון 2000 רויטע גילדן.[3] עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַפילו די העכסטע יידישע אינסטאַנץ ד. א. ג. ועד ארבע ארצות, פאַרווערט די יידן — וואַרשיינלעך אונטער דעם דרוק פון דער רעגירונג — צו באַזעצן זיך אין וואַרשע. צום ערגסטן זענען געווען פאַר די יידן די צייטן פון דעם גרויסן קרוין-מאַרשאַלעק ביעלינסקי אונטער דער הער-שאַפט פון אויגוסט דעם III-טן. דער דאָזיקער ביעלינסקי איז אַפילו געווען אַן ערלעכער און געוויסנהאַפטער מאַן, אָבער זייענדיק אַ דאָק-טרינער פלעגט ער צוליב יושר טיילמאָל ווערן אַן אכזר. וועגן אים שרייבט קיטאָוויטש אין זיינע מעמואַרן: „דער דאָזיקער האר איז נישט ווייניקער געווען האַרב, ווי גערעכט. זייער שנעל פלעגט ער משלח זיין אויף יענער וועלט די אַלע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו אים אין גע-ריכט אַריין. בלויז די קיניגין, זייער אַן ערלעכע און באַרמהערציקע פרוי, פלעגט באַ אים אויסבעטן פאַרמשפּטע צום טויט, אָבער טייל-מאָל פלעגט אויך די קיניגין באַ ביעלינסקין קנאַפּ וואָס פועלן. ביע-לינסקי האָט אָפּגעהיט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, אַז די יידן זאָלן זיך נישט אַריינבאַקומען אין שטאָט אַדאַנק געלט-מתנות און

[1] די אַקטן פון אַלט-וואַרשע, הויפּט-אַרכיוו נר' 1125

[2] Hilary Nusbaum: Z życia Żydów w Warszawie.

[3] דאָרט.

דורך אַנדערע הינטערוועגן. דעריבער טאַקע איז אין זיינע צייטן כמעט נישט געווען קיין שום ייד אין וואַרשע.[1]

II

נאָך ביעלינסקיס טויט הויבן ווידער אָן אַריינצוקומען קיין וואַרשע אַלץ מער יידן, בפרט אַז די שטאָט אַליין קוקט דורך די פינגער אויף דער איינוואַנדערונג פון די יידן.[2] די שטאָט האָט עס געטון צוליב דעם, ווייל זי פלעגט יעדעס מאָל נעמען בײַ די יידן און פון די פּאָסעסאָרן גרויסע געלט-שטראָפן, און שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ געוויסע צאָל יידן אין שטאָט, פלעגט די שטאָט-פאַרוואַלטונג אָנהויבן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט אויסצופירן די עקזיסטירנדע רעכט און אַזוי אָרום אויספּרעסן אַ וואָס גרעסערע געלט-סומע. די דאָזיקע האַנדלונג פלעגט זיך איבערחזרן מיט אַ באַשטימטער פּינקטלעכקייט. חוצדעם קומט דאָס פּאָר אין דער II-טער העלפט פון XVIII-טן י. ה., ווען אין פוילן וועקט זיך דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן, און וואַרשע ווערט דער צענטער, ווו דער דאָזיקער אויפבלי קומט אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק. וואַרשע ווערט בהדרגה אַ הויפּטשטאָט לויט דעם אייראָפּעישן שטייגער, עס קומען זיך צונויף אַסך אויסלענדער און עס אַנטוויקלט זיך דער האַנדל און די אינדוסטריע אין אַ גרויסן מאַשטאַב. דאָס נוצן אויס די יידן און שוין פון יאָר 1760 הויבן זיי אָן זיך דאָ צו באַזעצן אין אַ גרעסערער צאָל.[3] דאָס אַריינקומען פון די יידן פאַרלייכטערט נאָך דער פאַקט, וואָס עס עקזיסטירט שוין אַ געוויסער יורידישער יסוד דערפאַר, ווי, למשל, די דערמאָנטע פּריווילעגיעס פון זיגמונט אויגוסט און וולאַדיסלאַו'ן דעם IV-טן. באַזונדערס וויכטיק איז דער ערשטער פון זיי, לויט וועלכן דער שופר פון מאַרשאַלעק פלעגט מיט אַ וואָך פאַרן סיים פייערלעך מודיע זיין די יידן, אַז זיי קענען פריי אַריינקומען אין שטאָט

[1] Krótkie uwiadomienia o przywilejach i prawach Warszawy Arch. gł. 1125.

[2] Sobieszczański: Rys statystyczno-historyczny Warszawy.

[3] לויט אַ מעמאָריאַל פון די מיעשטשאַנעס צום קיניג. Akta St. Warszawy (Arch. główne) 1207.

אַריין, און מיט אַוואָך שפּעטער פלעגט מען מיט דעם זעלבן שופר זיי אויפפאָדערן די שטאָט צו פאַרלאָזן. די יידן, וואָס האָבן די אויפפאָדערונג תיכף נישט אויסגעפירט, האָט מען געשלעפּט אין דער בוזדיגאַרדע, דאָרט באַשטראָפט און דערנאָך דערווייטערט פון דער שטאָט. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז אין דער II־טער העלפט פון XVIII־טן י. ה. זענען פאָרגעקומען כמעט אָן אויפהער סיימען און צוזאַמענפאָרן, ווערט קלאָר, אַז די יידן האָבן געהאַט גרויסע מעגלעכקייטן אַ לענגערע צייט צו פאַרבלייבן אין דער הויפּטשטאָט, בפרט, אַז נאָך פריער האָט דאָס בירגערטום און די רעגירנדע קרייזן געמאַכט געוויסע אויסנאַמען. אזוי, למשל, האָבן דאָ שטענדיק געוווינט שעידארן (szejdarze) ד. ה. מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויפקויפן און מיט איבערשמעלצן אַלטן זילבער, ווי אויך זיגל־מאַכערס (pieczętarze) און פוטער־פאַרבערס, וואָס האָבן דאָ שטענדיק געוווינט צוליב זייער געזעלשאַפטלעכן נוצן, ווייל די קריסטן האָבן זיך מיט די דערמאָנטע פּראָפעסיעס ווינציק באַשעפטיקט. [1]) אחוץ די יידן, וואָס האָבן לעגאַל געמעגט וווינען, געפינען מיר דאָ אויך אַזעלכע, וואָס וווינען בלויז צייטווייליק, אַריין־און אַרויס־פאָרנדיק. דאָס פלעגט זיי געלינגען אַדאַנק פאַרשידענע קונצן און געלט־מתנות. קיין אָפיציעלע קהילה האָט נישט עקזיסטירט, אָבער עס פלעגן אָפט פאָרקומען עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, ס׳רוב אויף לעשנאָ [2]), און אויף אָטאָ די פאַרזאַמלונגען האָט מען זיכער רעדאַגירט די מעמאָריאַלן וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער רעדן. די יידן האָט געצויגן קיין וואַרשע נאָך צוליב דעם טעם, וואָס דעמאָלט זענען געוועזן די צייטן פון דער באַרער קאָנפעדעראַציע, בעת וועלכער ס׳זענען אויסגעקוילעט געוואָרן נישט בלויז די פּוילישע אַדעליקע, נאָר אויך הונדערטער און טויזנטער יידישע נפשות זענען אומגעקומען פון די הענט פון די היידאַמאַקעס. דעריבער ציט זיי אינסטינקטיוו קיין וואַרשע, ווו זיי רעכענען פריי צו ווערן פון הפקירות און צו געפינען זיך אונטער דער יורידישער שוץ פונם הערשער. דעם 15־טן יוני 1770 ווענדן זיך די יידן

---

[1]) דער מעמאָריאַל פון די יידן צום מאַגיסטראַט Arch. gł. 1207.

[2]) Katechizm o Żydach i neofitach

צום וואַרשעווער [1] מאַגיסטראַט מיט אַ בקשה, ער זאָל מיט זיי שליסן אַן אָפּמאַך לויטן מוסטער פון אַנדערע שטעט פון דער קרוין, אויפן סמך פון וועלכן זיי זאָלן מעגן פאַרבלייבן אין שטאָט, אויב נישט שטענדיק, טא לכל הפּחות ביז צום שלום. די שטאָט ענטפערט דאַרויף מיט אַן אָפּזאָג, זי באַציט זיך פיינטלעך צו דער דאָזיקער אַריינוואַנדערונג. נאָך אין יאָר 1768 ווענדן זיך די מיעשטשאַנעס צום סיים [2] מיט אַן אָנקלאַגע אויף די יידן, אויסרעכענענדיק דערבײַ זייערע אַלע פּריווילעגיעס. זיי בעטן, אַז דער סיים זאָל באַשליסן צו דערוויטערן די יידן פון וואַרשע, און אַז די שררות האָבן קיין רעכט נישט צו נעמען די יידן אונטער זייער שוץ. די דאָזיקע ווענדונג האָט געהאַט אַ פּעולה, ווייל אין דעמזעלבן יאָר באַשליסט דער סיים, אַז די יידן טאָרן נישט וווינען אין די שטעט, וואָס האָבן נישט געשלאָסן מיט זיי קיין אָפּמאַכן. דאָס עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט דראָט מיט אַ שטראָף פון 5000 [3] גריוונעס. די יידן ווערן איבערגעגעבן אונטער דער שטאָטישער געריכטבאַרקייט. דעריבער טאַקע האָט דער מעמאָריאַל פון די יידן אין יאָר 1770 קיין שום דערפאָלג נישט, נאָר פאַרקערט, דער גרויסער קרוין-מאַרשאַלעק לובאָמירסקי באַפעלט דעם 1-טן סעפּטעמבער 1770 אַלע יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט און פאַרווערט זיי דעם האַנדל, מלאכה און פאַרקויפן משקאות. בלויז די הורט-סוחרים דערלויבט ער אין משך פון 2 וואָכן צו פאַרבלייבן און דערנאָך דאַרפן זיי מיט די סחורות אַרויספאָרן פון שטאָט, אָדער די סחורות איבערלאָזן אין די סקלאַדעס. [4] נישט קוקנדיק אויף דעם, באַזעצן זיך דאָך די יידן אין דער הויפּטשטאָט, און בפרט אין אירע פאָרשטעט. דערבײַ זענען זיי באַהילפיק די מאַגנאַטן, קעגן וועמען עס ווערן זיך די מיעשטשאַנעס נאָך אין יאָר 1764. די מאַגנאַטן קוקן בכלל מיט אַ קרום אויג אויף דער וואַקסנדיקער השפּעה פון בירגערטום. זיי באַמיען זיך אַרויסצובאַקומען זיך פון אונטער דער מאַכט פון די מיע-

[1] די אָנקלאַגע פון דער שטאָט וואַרשע קעגן די יידן Arch. gł. 1125

[2] די אָנקלאַגע פון דער שטאָט וואַרשע קעגן די יידן Arch. gł. 1125

[3] Smoleński i sprawa Żydów polskich w XVIII w.

[4] Krótkie uwiadomienia o prawach i przywilejach m. Warszawy № 1125

שטשאַנעס. די מאַגנאַטן האָבן אין די שטעט און מחוץ זיי אייגענע יורידיקעס מיט אַ זעלבשטענדיקער אַדמיניסטראַציע און געריכט־וועזן, וואָס זענען שטענדיק געווען אַ שטערונג פאַר דער זעלבשטענ־דיקייט און סוווערעניטעט פון די שטעט. דעריבער קעמפט די שטאָט אַ לאַנגע צייט פאַר ליקווידירן די יורידיקעס, וואָס באַשווערן איר די קאָנטראָל איבער די שטאָט־איינוווינער. אויפן פאָן פון אָט אָ די סכסוכים וועגן די יורידיקעס, און צוליב דעם, וואָס די מאַגנאַטן פלעגן אָפטמאָל — צוליב טעמים וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער רעדן — דערלויבן די יידן צו באַזעצן זיך אין זייערע הייפן, איז אַסך מאָל געקומען צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם בירגערטום און דער שליאַכטע.

אַ שם האָט באַקומען דער סכסוך, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן דעם פירשט אַווגוסט סולקאָווסקי און דעם קרוין־מאַרשאַלעק, אַרום דעם יידישן שטעטל לעבן וואַרשע „ניי־ירושלים" (Nowa Jerozolima), וועלכעס דער פירשט סולקאָווסקי האָט געהאַט אויפגעבויט אויף זיינע גיטער. דער סוף פון דעם קאַמף איז געווען, אַז דאָס שטעטל איז חרוב ונחרב געוואָרן, די סחורות פון די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין „ניי־ירושלים", זענען קאָנפיסקירט און איבערגעגעבן געוואָרן דער שטאָט וואַרשע, [1]) און די יידן זענען פון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן.

III

נאָך דעם אַרויסטרייבן די יידן פון „ניי־ירושלים" פאַרקלענערט זיך די צאָל יידן אין וואַרשע, בפרט אַז לובאָמירסקי, דערמוטיקט דורך זיין דערפאָלגרייכן קאַמף מיט די מאַגנאַטן, היט פּינקטלעך אָפּ, אַז אַלע באַגרענעצונגען לגבי די יידן זאָלן פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן. משמעות אָבער, אַז אַ געוויסע צאָל יידן האָט פונדעסטוועגן ווייטער געוווינט אין וואַרשע, ווייל מיר לייענען דעם 3־טן אַפּריל פון יאָר 1778, אַז לובאָמירסקי גיט אַרויס אַ פאַראָרדנונג אונטערן קעפּל:

[1]) דער דאָזיקער זייער אינטערעסאַנטער סכסוך איז דורך אונז באַאַרבעט געוואָרן, און וועט זיך באַווייזן אין איינעם פון די קומענדיקע נומערן.

„מעלדונג וועגן יידן”, אין וועלכער ער באַפעלט אַלע יידן, וואָס האָבן
וווינרעכט אין וואַרשע, זיי זאָלן זיך באַזאָרגן מיט בילעטן פון אינטענדענט,
אָדער אויבער-אינטענדענט, ווי עס זאָל זיין פאַרצייכנט די צייט פון זייער
אויפהאַלט, דאַקעגן אַלע אַנדערע, וואָס האָבן נישט קיין וווינרעכט, באַפעלט
ער תיכף צו פאַרלאָזן די שטאָט.[1]) אָטאָ די בילעטן זענען פאַר די יידן נישט
געווען קיין נייעס, ווייל שוין פריער האָבן די יידן, וואָס האָבן געוווינט
אין וואַרשע, געקאָנט באַקומען אומזיסטע בילעטן אויף 14 טעג,[2])
ערשט נאָך די 14 טעג האָבן זיי פאַר יעדן בילעט געמוזט צאָלן 3
גראָשן. היות ווי די שטאָט האָט געדאַרפט האָבן געלט אויף בויען
בריקן, אָקאָפעס א. א. האָט זי דורך דעם מאַרשאַלעקס יוריזדיקציע
באַפוילן דער יידישער אינטענדענץ אַוועקצושטעלן אַ פּושקע, ווו די
יידן דאַרפן גוטוויליק אַריינוואַרפן נישט מער ווי 2 גראָשן פאַר אַ
בילעט. אין יאָר 1777 פאַראָרדנט זשעווווסקי, אַז די יידן, וואָס וווינען
צייטווייליק אָדער שטענדיק אין וואַרשע, דאַרפן חוץ די 14-טאָגיקע
בילעטן אויסקויפן אויך גענעראַל-בילעטן; ווען מען וועט כאַפן אָן
אַזאַ בילעט וועט אַלס פאַרדעכטיקער אָפּגעפירט ווערן אין מאַר-
שאַלעקס בוזדיגאַרדע, דאָרט וועט ער באַקומען מלקות און דאַן וועט
ער אויף שטענדיק פאַרטריבן ווערן פון דער שטאָט. זשעווווסקי טוט
דאָס, וואַרשיינלעך, כדי צו קענען לייכטער צונויפצורעכנען די יידישע
באַפעלקערונג. צוליב דיזעלבע סיבות, וואַרשיינלעך, טוט דאָס איצט
דער גרויסער קרוין-מאַרשאַלעק לובאָמירסקי. די דאָזיקע השערה ווערט
באַשטעטיקט דורך דעם פאַקט, וואָס אַזאַ מין ציילונג האָט ער שוין
פריער געהאַט אַדורכגעפירט; דעם 6-טן פעברואַר 1789 מעלדעט ער
(לובאָמירסקי) דעם קיניג, אַז אין וואַרשע איז פאַראַן 1771 יידן, 918
יידישקעס און 956 קינדער.[3]) די דאָזיקע צאָל איז אין יענע צייטן
געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע, נעמענדיק אין אַכט, אַז די אַלגעמיינע צאָל
איינוווינער האָט באַטראָפן פון 70—60 טויזנט.[4]) צוליב דער אומברח-

[1]) אַקטן פון אַלט-וואַרשע, הויפּט-אַרכיוו 1125

[2]) די רעכנונג פון דער מאַרשאַל-יוריזדיקציע. הויפּט-אַרכיוו 1207.

[3]) הויפּט-אַרכיוו נר. 1207.

[4]) Korzon: Dzieje wewnętrzne za Stanisława Augusta

מנותדיקער פּאָליטיק פון לובאָמירסקי טראָגן די יידן אַריין דעם 6-טן יוני 1778 אַ מעמאָריאַל צום קיניג און צום שטענדיקן ראַט. פון אָטאָ דעם זייער אינטערעסאַנטן מעמאָריאַל גיבן מיר איבער עטלעכע אויסצוגן: Nie może nieszczęśliwości stanu porównywać się nieszczęśliwość żadna, gdy codziennie poddani jesteśmy na prześladowanie i uwięzienie najnieznośniejsze. Zdaje się, że żyjąc w tym kraju jesteśmy jakowąś obywatelstwa częścią, kiedy prawa Rzltej wkładają na nas obowiązek opłacenia podatków publicznych, które znosić możemy. Ale z największą naszą przeciwnością doświadczamy inaczej, kiedy nam przeciw wszelkiej ludzkości ziemia nawet do mieszkania zabroniona i prawie samo powietrze, którem tchniemy do użytku niedozwolone. Codziennie nas dochodzą rozkazy, ostrzegania i pogróżki, żebyśmy nie bawiąc w mieście tutejszym wyprowadzili się za okopy. [1])

דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט באַם שטענדיקן ראַט ווענדעט זיך צום גרויסן קרוין-מאַרשאַלעק מיט אַן אָנפראַגע וועגן זיין מיינונג אין דער דערמאָנטער פראַגע. אויף דעם ענטפערט לובאָמירסקי דעם 20-טן יוני, אונטערשטרייכנדיק, אַז דער אויסדרוק: „די אַסיפה פון די וואַרשעווער יידן", וואָס איז באַנוצט געוואָרן אין מעמאָריאַל, איז אַ נישט ריכטיקער, ווייל די יידן איז נישט דערלויבט צו וווינען אין שטאָט, און (במילא) טאָרן זיי אויך נישט אָפּהאַלטן קיין שום אסיפות. חוץ דעם ווייזט ער אָן דאַרויף, אַז דעם מעמאָריאַל האָט אונטערגעשריבן בלויז זאַוועל יאָסלאָוויטש, וועמען קיינער קען נישט. מען קען דאַריבער דערפון דרינגען, אַז דער מעמאָריאַל שטאַמט בלויז פון קבצנים און פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, ווייל די גבירים, וואָס האָבן אַן אָנזען באַ זייער פאָלק, און האָבן דאָס רעכט צו וווינען אין וואַרשע, האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן פּינקטלעך אָפּהיטן אַלע פּריווילעגיעס פון דער שטאָט און וועלן נישט פאָדערן קיין שום רעכט פאַר די איבעריקע יידן. בכלל

[1]) הויפּט-אַרכיוו נר. 1125

האַלט לובאָמירסקי, אַז דאָס באַזעצן זיך פון די יידן אין וואַרשע וואָלט די שטאָט פולשטענדיק רויְנירט. אויפן סמך פון דער דאָזי־קער מיינונג באַקומען די יידן אויף זייער מעמאָריאַל אַן אָפּזאָג. נאָך לובאָמירסקיס טויט פירט דער גרויסער קרוין־מאַרשאַלעק מיכאַל מנישעק די זעלבע אומבּרחמנותדיקע פּאָליטיק לגבי די יידן. ער גיט אַרויס אַ גאַנצע ריי תקנות, וואָס באַגרענעצן די יידן אין זייערע רעכט. די וויכטיקסטע תקנה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 24־טן מאַי 1784 אונטערן קעפּל: „אָרדינאַציע פאַר דער שטאָט וואַרשע וועגן די יידן". [1] עס איז דאָרט אָנגעצייכנט אַ ריי תקנות, וואָס זענען פּאָרויס אַלע פאַלן, ווען די יידן מעגן זיין אין וואַרשע, און דאַביי אַ זייער קאָמפּליצירטע פּראָצעדור, וואָס דאַרף דערמעגלעכן אַ גענויע קאָנטראָל איבער די יידן. די דאָזיקע פאַראָרדנונג איז אַ צו לאַנגע, אויף צו קענען זי דאָ איבערגעבן אין גאַנצן, איך וועל זיך דעריבער באַגנוגן מיט עטלעכע פאַראַגראַפן, וואָס האָבן — לויט מיין מיינונג — אַ גרעסערע באַדייטונג:

1) „יידן, וואָס קומען אָן מיט סחורות דאַרפן באַלד נאָך זייער אָנקומען זיך מעלדן אין דער קאַמער און דאַן אין שטאָטישן דעפּאָזי־טאָריום (מאַגאַזין), וווּ זיי דאַרפן איבערלאָזן זייערע סחורות, אויף וואָס זיי באַקומען פון דעם מאַגאַזין־אינטענדענט אַ באַשטעטיקונג. מיט דער באַשטעטיקונג גייען זיי צום יידישן אויבער־אינטענדענט פון מיין קאַנצליי, וועלכער וועט — נאָכן אויספאָרשן דעם צוועק פון קומען — אים (דעם יידן) אַרויסגעבן אַ בילעט אויף 14 טעג; מיטן לעצטן דאַרף ער נאָך גיין צום שטאָטישן קאָנטראָלער, וועלכער וועט דעם בילעט אַריינשרייבן אין בוך. קיין שום ייד, וואָס וועט נישט האָבן קיין סחורה אין דעפּאָזיטאָריום, אָדער וועט נישט קאָנען אָנווייזן קיין סיבה צוליב וועלכער ער מוז זיין אין וואַרשע, וועט קיין בילעט נישט באַקומען. קיין שום ייד טאָר נישט פאַרקויפן זיינע סחורות ערגעץ אַנדערש אַ חוץ אין דעפּאָזיטאָריום, און קיין שום בעל־מלאכה טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט זיין מלאכה, חוץ די אויסנאַמען וועגן וועלכע עס רעדט זיך שפּע־טער. אויב דער אויבער־אינטענדענט האָט עמיצן נישט רעכטלעך אַרויסגעגעבן אַ בילעט, קען דער קאָנטראָלער וועגן דעם מודיע זיין.

1) הויפּט־אַרכיוו נר. 1125.

2) אויב אַ ייד וועט אין משך פון די 14 טעג זיין סחורה נישט אויספאַרקויפן, אָדער ער וועט זיין געריכטס-ענין נישט דערלעדיקן, קען ער באַקומען אַ צווייטן בילעט; ווען ער וועט אָבער אין משך פון דעם צווייטן טערמין די סחורה נישט פאַרקויפן, וועט ער שוין קיין דריטן בילעט נישט באַקומען, נאָר ער וועט מוזן צוזאַמען מיט דער סחורה אַרויספאָרן. דאַקעגן דער ייד, וואָס האָט אַ געריכטס-ענין, וועט באַקומען אַ דריטן בילעט נאָר אין דעם פאַל, ווען ער וועט צושטעלן אַ באַשטעטיקונג פון דער געריכטס-מאַכט.

3) יידישקעס באַקומען בכלל נישט קיין בילעטן, אויסער ווען זיי קומען צו אַ דאָקטאָר אָדער אין אַן אַנדערן דרינגנדן פאַל; און דאַביי ווערט זיי די ערלויבניש געגעבן נאָר אויף אַזאַ צייט, וואָס איז נויטיק צו דערלעדיקן דעם ענין.

4) קיין בעטלערס און באַרישניקעס ווערן קיין בילעטן נישט אַרויסגעגעבן, און אויב זיי האָבן זיי יאָ באַקומען אויף אַ נישט כשרן וועג, קענען די וועכטערס דעם בילעט בײַ זיי צונעמען.

5) ווען די געשוווירענע וועכטערס פון דער שטאָט און פון מאַרשאַלעק וועלן טרעפן אָן אַ בילעט, קען ווערן צוגעשטעלט צום אויבער-אינטענדענט, וועלכער וועט אויף אים (דעם יידן) צום I-טן מאָל אַרויפלייגן אַ געלט-שטראָף, צום II-טן — אַ לייב-שטראָף, און אויב דאָס וועט אויך נישט העלפן וועט די לייב-שטראָף פאַרטאָפּלט ווערן.

צו די דאָזיקע פאַראָרדנונגען גיט מנישעק צו, אַז די אַלע יידן, וואָס אונטערליגן נישט די דערמאָנטע תקנות, זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט און אַלס ענד-טערמין דאַצו באַשטימט ער דעם 21-טן יוני.

משמעות, אַז די יידן ווינען ווייטער אין וואַרשע, ווייל דעם 8-טן יוני 1784 לייענען מיר, אַז דער דעמאָלטיקער שטאָט-פּרעזידענט יאַן דעקערט, דערוויסנדיק זיך, אַז מנישעק האַלט באַם אָפּפאָרן, ווענדט זיך צום לעצטן מיט דער אויפפאָדערונג, ער זאָל נאָכאַמאָל באַשטעטיקן די אויבנדערמאָנטע פאַראָרדנונג און זאָל דאַביי אָנמערקן, אַז די יידן מעגן פאַרבלייבן אין שטאָט בלויז ביז צום 21-טן יוני. דעקערט בעט אויך יעם מאַרשאַלעק, ער זאָל באַפעלן די יידן אָפּצולייגן זייערע סחורות

אויף דעם סטאַניסלאַוואָוו-פּלאַץ. 1) זעט אויס, אַז דער יידישער האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט, אויב איין מאַגאַזין האָט נישט גענוגט. — ס'ווייזט אָבער אויס, אַז אויך דאָס האָט געהאַט אַ קליינע פּעולה, ווייל מנישעק האָט געמוזט דעם 30-טן אויגוסט דעמזעלבן יאָר אַרויסגעבן אַ באַ-פעל, אַז די יידן זאָלן אויספירן זיינע פאַראָרדנונגען אונטערן שטראָף פון פאַרמעגן-קאָנפיסקאַציע.

זעענדיק, אז זייער לאַגע ווערט אַלץ ערגער, האָבן זיך די יידן דעצידירט אויף אַן אַנטשלאָסענעם שריט און האָבן זיך באַזעצט אין ראַדזין, וואָס האָט געהערט צו דעם וואַרשעווער באַנקיר טעפּער. [2] די מיעשטשאַנעס, זעענדיק, אַז צוזאַמען מיט די יידן האָט זיך אויך דער האַנדל אַריבערגעטראָגן מחוץ די אָקאָפּעס קיין ראַדזין, באַמיען זיי זיך מיט אַלע כחות די יידן אויך פון דאָרט צו דערווייטערן. זיי ווענדן זיך מיט אַ מעמאָריאַל אונטערן קעפּל: „אַן אויסצוג פון די לאַנד-געזעצן", [3] ווו זיי באַווייזן, אַז טעפּער האָט נישט קיין רעכט צו באַזעצן יידן אין זיינע גיטער, און פאָדערן אויף די מאַכט נישט צו דערלאָזן דאַצו. פון דער אַנדערער זייט דראָען זיי די יידן, אַז זיי וועלן זיי (די יידן) נאָך מער פאַרפאָלגן. אָבער לסוף, זעענדיק, אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, האָבן זיי דערלויבט די יידן צו וווינען אין איין טייל פון דער שטאָט. [4] פון דעמאָלט אָן הויבן די יידן אָן צו באַזעצן זיך אין וואַרשע אין אַ נאָך גרעסערער צאָל, און שאַפן אַ באַזונדערן שטאָט-טייל, וואָס איז אויסשליסלעך דורך זיי באַוווינט. אַזאַ שטאָט-טייל האָבן געבילדעט די סענאַטאָרסקע און נייע-סענאַטאָרסקע-גאַסן און בפרט די געביידעס אויף דער גאַס, וואָס זענען איבערגעבויט געוואָרן פון די פּאַציעיס פּאַלאַץ, וועלכן דער לעצטער אייגנטימער, דער לאַמבעלאַן אורוסקי האָט די יידן צוליב ריוח פאַרדונגען. די בנינים זענען געווען איינשטאָקיקע מיט אַ גאַנצע ריי געוועלבלעך,

---

[1] סטאַניסלאַוואָוו איז געווען אַ פּלאַץ נישט ווייט פון נייע-וועלט, וואָס דער קיניג האָט אַמאָל געשענקט דער שטאָט און זי האָט אויף דעם אָרט אויסגעבויט אַ מאַגאַזין.

[2] Nussbaum: Dzieje Żydów w Warszawie.

[3] הויפּט-אַרכיוו נר. 1125

[4] Sobieszczański: Rys statystyczno-historyczny Warszawy

וואָס זענען שטענדיק געווען פול מיט קונים.[1] וואָס מער עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל יידן, אַלץ ווייטערע גאַסן האָבן זיי פאַרנומען. אַזוי אַרומעט האָט זיך דער יידישער ישוב אויסגעברייטערט אויף די גאַסן טלאָמאַצקע, קלאָפּאָצקע, ביבליאָטעק-גאַס און אַ ריי קוווער-גאַסן ביז צום קלויסטער פון 3 הייליקע.[2] דאָס דערלויבן די יידן צו באַזעצן זיך אין וואַרשע האָט נישט געהאַט קיין רעכטלעכן כאַראַקטער, מען קען דאָס גיכער באַטראַכטן פאַר אַ פּריוואַטער פאַרשטענדיקונג. ווי גרויס ס'איז דעמאָלט געווען די צאָל יידן האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן פעסטצושטעלן. אויפן סמך פון אַ באַפעלקערונגס-טאַבעלע פון 17-טן יאַנואַר 1793 י., ווו די צאָל יידן, וואָס וווינען אין וואַרשע, איז אָנגעגעבן 6797, קען מען זיך משער זיין, אַז אין די צייטן וועגן וועלכע מיר רעדן איז זי, אפשר, געווען נאָך גרעסער, ווייל שפּעטער האָט זיך זייער צאָל צוליב שטאַרקע רדיפות פאַרקלענערט.

זעענדיק, אַז די יידן קומען קיין וואַרשע אין אַלץ גרעסערע מחנות, באַנייען די סוחרים און בעלי-מלאכות דעם קאַמף מיט די יידן און שיקן אין יאָר 1768 דעם 8-טן יולי אַ מעמאָריאַל צום קיניג, אונטערגעשריבן דורך אַלע עלטסטע פון די סוחרישע קאָרפּאָראַציעס און צעכן. אין דעם דאָזיקן מעמאָריאַל פאָדערן זיי ווידער אַרויסצוטרייבן די יידן פון וואַרשע, שטיצנדיק זיך אויף די אַלטע תקנות פון מאַרשאַלעק.[3] כאַראַקטעריסטיש איז בלויז די נייע פאָדערונג, וואָס די מיעשטשאַנעס און בעלי-מלאכות האָבן אַרויסגעשטעלט. די פאָדערונג זאָגט: יעדער שטאָטישע קאָנפראטערניע אָדער צעך, וועלכע וויל צונעמען באַ אַ ייד די אַרבעט, דאַרף געניסן פון דער פּאָליציייִשער הילף.

וואַרשיינלעך איז דאָס שוין געלעגן אין דער אַלטער פּראַקטיק, נאָר אָן אַ יורידישן יסוד. אָבער די מיעשטשאַנעס באַגנוגן זיך שוין איצט נישט מיט קיין ערלעכע מיטלען ווי מעמאָריאַלן, נאָר נעמען זיך אויך צו אַנדערע, נישט כשרע מיטלען. זיי פאַרשפּרייטן וועגן די יידן פאַרשידענע באָבע-מעשיות. אַזוי, למשל, זאָלן די יידן זיין שולדיק אין

---

[1] Sobieszczański: Rys statystyczno-historyczny Warszawy

[2] Nussbaum: Dzieje Żydów w Warszawie

[3] הויפּט-אַרכיוו נר. 1125

די פֿאַרשידענע קראַנקהייטן, וואָס בושעווען אין וואַרשע. מנישעק אַליין, וואָס האָט — כּלדוע — זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערן פֿילאָסעמיטיזם, לייקנט אָפּ די דאָזיקע קלאַנגען.

אין דעם אויפֿרוף צו די הויז־אייגנטימער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דעם 17־טן יאַנואַר 1788 י., ווערט געזאָגט, אַז די דאָקטוירים־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם מאַרשאַלעקס יוריזדיקציע האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די קלאַנגען האָבן נישט קיין שום יסוד, און אַז די קראַנקהייטן האָבן זיך פֿאַרשפּרייט בלויז צוליב די נישט היגיענישע באַדינגונגען אין וועלכע עס לעבט אַ טייל באַפֿעלקערונג. [1] ער הייסט דעריבער די הויז־אייגנטימער אַדורכפֿירן פֿאַרשידענע היגיענישע פֿאָרשריפֿטן. אונטער דער ווירקונג פֿון דער שטאָט גיט מנישעק אַרויס אַ גאַנצע ריי פֿאַראָרדנונגען פֿאַר די יידן, מכּלומרשט צוליב דעם, וואָס די יידישע באַפֿעלקערונג פֿאַרנעמט זיך מיט גנבֿות און קיצבה. דערפֿאַר פֿאַרווערט ער די יידן דעם 1־טן דעצעמבער 1788 אַרומצוגיין אין די הייפֿן און הייזער אונטער דעם אויסרייד פֿון האַנדל. אויב עמיצער דאַרף האָבן אַ יידן, מוז ער נאָך אים שיקן אַ מענטשן, [2] וואָס זאָל מיט אים (דעם יידן) צוזאַמען קומען אין הויז. אַ ייד, וואָס מען וועט אים כאַפּן אין אַ הויז אָן אַזאַ שומר, וועט אָפּגעפֿירט ווערן אין תּפֿיסה און דאָרט וועט ער באַקומען קלעפּ, „ווען ער זאָל אַפֿילו קיין אַנדער שולד אויף זיך נישט האָבן". ווי ווייט מנישעקס האַנדלונגען זענען געווען אַ רעזולטאַט פֿון די אינטערווענצן פֿון דער שטאָט, קען עדות זאָגן א פֿאַראָרדנונג, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 22־טן מערץ 1790 י., מיטן פֿאָלגנדיקן נוסח: „בעת ביז איצט איז — לויט דער פֿאָדערונג פֿון גאָלדשמיד־צעך — דערלויבט געוואָרן די יידן צו וווינען אין וואַרשע, רופֿן מיר איצט די דאָזיקע דערלויבניש אָפּ, ווייל דער צעך פֿאָדערט עס שוין נישט מער. זיגל־מאַכערס מעגן זיין אין שטאָט 5, ווייל עס זענען נישט פֿאַראַן קיין קריסטן פֿון דעם פֿאַך." ווייטער ווערט געזאָגט אין דער זעלבער פֿאַראָרדנונג: „עס זענען פֿאַראַן אַ סך קריסטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאכה אָן אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די צעכן און פֿאַרגוואַלטיקן דורך דעם די פּרי־

[1] הויפּט־אַרכיוו 1125

[2] הויפּט־אַרכיוו 1125

ווילעגיעס פון דער שטאָט וואַרשע.״ [1] באַזונדערס פון דאָס לעצטע קען מען זען, אַז די דאָזיקע פאַראָרדנונג איז געקומען אויפן סמך פון אַ בפירושער אינטערווענץ פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך נישט באַגרע-נעצט בלויז מיט די יידן. די מיעשטשאַנעס קענען זיך לסוף שוין נישט באַגנוגענען מיט די ביזאיצטיקע קאַמפּס-מעטאָדן. זיי נעמען זיך שוין צו די אומרועץ, וועגן וועלכע איך האָב אין דער הקדמה דערמאָנט.

אין יאָר 1790 זענען פאַרשידענע בעל-מלאכות, מייסטנס קירזש-נער און שניידער, זיך צונויפגעלאָפן מיט אַ גרויס געפּילדער פאַרן ראָט-הויז פון אַלט-וואַרשע און האָבן געדראָט, אַז אין פאַל, ווען דער מאַ-גיסטראַט וועט די יידן נישט אַרויסטרייבן, [2] וועלן זיי אויף די יידן אָנפאַלן און זיי אויסמאָרדן. די אויפרודערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער שטאָט-פּרעזידענט דעקערט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק מודיע צו זיין וועגן דעם סיים, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעהאַלטן זיינע באַראַטונגען [3]. דער סיים האָט אויפן אָרט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַט, וואָס האָט פאַרזיכערט דעם המון, אַז אַלע יידישע גאַסן-הענדלער און אויפקויפערס, חוץ די סוחרים, וועלן פון דער שטאָט דערווייטערט ווערן. די שטאָט האָט זיך אַפילו באַרויקט, אָבער נישט אויף לאַנג. אין אַפּריל איז אויסגעבראָכן אַ נייער גאַסן-טומל, [4] וועלכער איז דורך דער מאַכט באַרויקט געוואָרן, אָבער אין מאַי 1790 י. איז שוין געקומען צו אַ פּאָגראָם. פאָרגעקומען איז דאָס אויף פאָלגנדן אופן: דעם 10-טן מאַי האָט אַ וואַרשעווער שניידער פּאָקס באַמערקט אויף קלאָפּאָצקע-גאַס אַ יידן, וואָס האָט געטראָגן מלבושים. ער האָט דאַן צו-גערופן גאַסן-יונגען, זיי זאָלן אים העלפן כאַפּן דעם יידן. [5] אויף זיין געשריי זענען אָנגעלאָפן יידן און האָבן אָנגעהויבן פאַרטיידיקן זייער גלויבנס-חבר, און דאַן האָבן בעל-מלאכהשע לערייגלעך אויפגעהויבן — בכיון צי נישט בכיון — אַ געשריי, אַז מען האָט פּאָקסן דערהרגעט. אין איין רגע האָט זיך דער המון אַ וואָרף געטון אויף טלאָמאַצקע. די

---

1) הויפּט-אַרכיוו 1125

2) Smoleński: Stan i sprawa Żydów w Polsce

3) דאָס זענען שוין געווען די צייטן פון 4-יאָריקן סיים.

4) Smoleński: Stan i sprawa Żydów w Polsce

5) דאָרט

יידן פאַרטיידיקן זיך פאַרביטערט און פון אונטער די פאַרקאַנעס האָט זיך זיי איינגעגעבן אָפּצושלאָגן דעם אָנפאַל. די צעווילדעוועטע מאַסע, וואָס האָט פון דאַנען געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרנישט, [1] האָט זיך בליצשנעל אַ לאָז געטון אין פּאָציעיאָווער פּאַלאַץ. די יידן, וואָס האָבן זיך אויף גאָר נישט געריכט, האָבן זיך געראַטעוועט ווי איינער האָט געקאָנט; טייל — פאַרמאַכנדיק זיך אין די געוועלבער, אַנדערע, וואָס האָבן דאָס אויך נישט באַוויזן, זענען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין די הענט פון דעם ווילדן המון. דער המון האָט זיך אַלאָז געטון צו די געוועלבער, צוגענומען די בעסערע זאַכן און אַריינגעוואָרפן אין ברונעם די מינדערווערטיקע. ווען עס איז אָנגעקומען די מאַרשאַלעק־וואַך האָט די אויפגעבראַכטע חברה זי באַוואָרפן מיט שטיינער און בלאָטע. ערשט די קאָמענדעס פון די פּיעכאָטע־ און רייטער־רעגימענטן האָבן באַוויזן צו צעטרייבן דעם המון. אַז די שאָדוינעס זענען געוועזן גענוג גרויסע באַווייזט דאָס, וואָס אין אַ בראָשור פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1791 אונטערן קעפּל „די געדאַנקען פון דעם, וואָס קוקט דורכן פענסטער" (Myśli patrzącego przez okno„), באַדויערט דער מחבר די אומאָרדנונג, וואָס הערשט אין לאַנד, און ער זאָגט צווישן אַנדערעס: „עס איז שוין נישט געווען קיין איין שויב אין די פענסטער פון פּאָציעיאָווער פּאַלאַץ, ווען די פּאָליציי האָט ערשט אָנגעהויבן צו קלערן וועגן באַרויקן די ווילדע מענטשן." [2]

דער 4־יאָריקער סיים, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הומאַניטאַרער האַנדלונג און וואָס האָט גראָד דעמאָלט באַטראַכט די יידן־פראַגע, האָט באַפוילן שאַרף צו באַשטראָפן די שולדיקע. מען האָט אַרעסטירט פּאָקסן און דעם קירזשנער מאַריאַנסקי, וואָס האָט געזאָלט האָבן געהעצט דעם המון, [3] מען האָט זיך אַפילו באַראָטן וועגן נישט דערלאָזן צו קיין רעליגיעזע פּראָצעסיעס אין יום־טוב פון „באָזשע־ציאַלאָ", און יעדע גאַסן־פאַרזאַמלונג איבער 12 מענטשן צו צוטרייבן. דאָס איז אָבער נישט דורכגעפירט געוואָרן, ווייל מען האָט נישט גע־

[1] Nussbaum: Dzieje Żydów w Warszawie
[2] Dziewulski: Warszawa
[3] Nussbaum: Dzieje Żydów w Warszawie

וואָלט רייצן דאָס פאָלק; פאַרקערט, כדי צו מילדערן די אויפרעקונג, — וואָס האָט געהערשט צוליב דעם אַרעסט פון פאָקסן און מאַריאַנסקין, — האָט מען געהייסן כאַפּן אין די גאַסן יידן מיט סחורות און אָפּפירן זיי אין דער בוזדיגאַרדע פון מאַרשאַלעק. דאָרט האָט מען זיי געשלאָגן און פאַרטריבן פון דער שטאָט. דער גרויסער קרוין־מאַרשאַלעק גיט ווי־דער אַרויס אַ ריי פאַראָרדנונגען, וואָס באַגרענעצן דעם אויפהאַלט פון די יידן אין וואַרשע. ער באַפעלט אַלע יידן, אַז זיי זאָלן אין דער צייט פון דער סיים־הפסקה (limita) פאַרלאָזן די שטאָט. דעם 8־טן פעברואַר 1792 י. גיט ער אַרויס אַ „מעלדונג וועגן יידן״, אין וועלכער ער נעמט צונויף אַלע פריערדיקע פאַראָרדנונגען; עס מעגן אַלזאָ פאַרבלייבן אין שטאָט בלויז אייגנטימער פון געוועלבער, 5 גאָרקיכן־אייגנטימער און 5 זיגל (שטעמפּל)־מאַכער. אַ סוחר טאָר נישט האַלטן מער ווי 3 משרתים. די יידן האָבן נישט געטאָרט האַלטן קיין שענקן, האַנדלען מיט טאַנדעט און זונטיק אָפן האַלטן די געוועלבער.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען בעת דעם 4־יאָריקן סיים, וועמענס מיטגלידער ס׳זענען געווען אָנהענגער פון מענטשן־רעכט און בעת עס האָט זיך נאָך געהערט די שטים פון די בוטרימאָוויטשעס און אַנדערע, וואָס האָבן געפאָדערט גערעכטיקייט פאַר די יידן און אַן ערנסטע לע־זונג פון דער יידן־פראַגע אין פוילן.

אסתר טענענבוים

אַ בילד פון יידישן קולטור־לעבן אין אַ פוילישער שטאָט אין אָנהויב פון XIX־טן יאָרהונדערט

(די קוטנער חברה־קדישא אין אָנהויב פון XIX־טן יאָרהונדערט *)

קוטנע געהערט אין אָנהויב פון XIX־טן יאָרהונדערט צו די גרעסערע יידישע ישובים, און אין וואַרשעווער דעפּאַרטאַמענט, צו וועלכן קוטנע געהערט, איז זי, אויסער דער הויפּטשטאָט וואַרשע, די גרעסטע קהילה. אַזוי, למשל, באַשטייט דאָרט אין יאָר 1800 די יידישע באַפעלקערונג פון 1401 נפש, בעת די קריסטלעכע ציילט נאָר 877. [1]

נאָך מער: אירע גבירים שפּילן גאָרנישט קיין קליינע ראָל! אָט הערן מיר, אַז ר׳ משה שמולעוויטש פון קוטנע ווערט באַשטימט אין יאָר 1807 דורכן וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט אַלס יידישער קהילה, סינדיק פאַר וואַרשע. [2]

און דאָך איז די געשיכטע פון די יידן אין קוטנע, אַזוי ווי כמעט פון אַלע פוילישע שטעט, נאָך נישט באַרירט געוואָרן דורך אונזערע היסטאָריקער.

זאָל דאָס קליין בילדל פון אונזער לעבן אין איין שטעטל דינען

*) דאָס בילדל האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אויפן סמך פון אַ קאָפּיע פון פּנקס, וואָס געהערט צו דער חברה־קדישא. צום באַדויערן איז עס נישט קיין קאָפּיע אין פולן זין פון וואָרט, ווייל זי איז „צוזאַמענגעשטעלט" געוואָרן לויטן איינזען פון היינטיקן קוטנער רב י. י. טרונק, און עס געפינען זיך אין איר פראַגמענטן, וואָס זענען איבערגעשטעלט, איבערגעחזרט, און (אַפילו) אַזעלכע, וואָס זענען אין אָריגינאַל נישטאָ.

נישט געקוקט דאַרויף קומט דעם קוטנער רב אַ דאַנק דערפאַר, וואָס צוליב זיין מי האָט די עפנטלעכקייט באַקומען די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דעמדאָזיקן פּנקס, וואָס איז ביז איצט געווען שטאַרק אָפּגעהיט פון אַ פרעמד אויג דורך דער חברה־קדישא.

די דערמאָנטע קאָפּיע געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער קוטנער קהילה.

1) Holsche: Geographie und Statistik von West-Süd-und Neu-ostpreussen" בערלין, 1800, II טייל.

2) Konic: Komisja rządząca w r. 1807. וואַרשע, 1904 זייט 180.

אַלס אַן אָנרעגונג פאַר אונזערע יונגע היסטאָריקער צו באַאַרבעטן די געשיכטע פון זייערע שטעט און שטעטלעך, כּדי דערנאָך צו האָבן אַן אַלגעמיין לעבנס־בילד פון אונזער עבר אין אַלע זיינע שאַטירונגען און ניואַנסן.

דער פּנקס, פון וועלכן מיר שעפּן אונזערע ידיעות, הויבט זיך אייגנטלעך אָן פון יאָר תקס״ח (1808). אין דער הקדמה זאָגט דער אַנאָנימער מחבר, אַז די אַלטע פּנקסים זענען אַוועקגעקומען „צוליב זייער אַלטקייט (ברוב עתים) און בעת פאַרשיידענע שריפות, וואָס אונ־זער קהילה האָט דורכגעמאַכט". אָבער אויף אַ צווייטן אָרט (אין דער קאָפּיע איז עס איבערגעחזרט אַזש 2 מאָל) ווערט אַ ביסל גערעדט מיט אַ פאַרשטעלט לשון, אַז ס'איז פון אונז צוגענומען געוואָרן דער אַלטער פּנקס „מפּני טעם כּמוס"... אפשר מיינט מען די פריערדיקע פּרייסישע מאַכט, צו וועלכער קוטנע האָט געהערט פון יאָר 1793 ביז 1806, וואָס האָט זיך באַמיט אַ תּל צו מאַכן פון יעדן קהילה־לעבן; נאָר מער ווי זיכער מיינט דאָ דער מחבר די אינערלעכע מחלוקת, מיט וועלכע אונ־זערע קהילות זענען פון שטענדיק אָן געווען רייך.

די צווייטע השערה ווערט נאָך זיכערער צוליב דעם, וואָס ס'האָבן זיך דערהאַלטן אַ פּאָר זייטלעך, פראַגמענטן, פון די פריערדיקע יאָרן, וועלכע גרייכן ביזן יאָר תקט״ו—1755.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין קאָנען מיר קאָנסטאַטירן, אַז

1) דער „נייער" פּנקס הויבט זיך אָן פון יאָר 1808

און 2) פריער זענען שוין געווען אַלטע פּנקסים, וועלכע זענען ליידער אַוועקגעקומען.

פאַרשטענדלעך, אַז דער פּנקס, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן פון דער חברה־קדישא פון יאָר 1808 (עווענטועל 1755) ביזן היינטיקן טאָג, קאָן צושטעלן א סך מאַטעריאַלן נישט פאַר איין זייט פון קהילה־לעבן אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט. מיר ווילן זיך אָבער איצט באַ־גרענעצן נאָר מיט איין זייט: מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון דער חברה־קדישא אין אָנהויב פון XIX־טן י״ה, ד. ה. מיר נעמען אין אַכט נאָר דעם סטאַטוט, די תּקנות, וועלכע זענען אַריינגעשריבן געוואָרן אין

יאָר 1808, און אויך עטלעכע פראַגמענטן, וועלכע מאַכן בולטער אונזער בילד.

די חברה־קדישא האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע: מבקר צו זיין קראַנקע, זיך מתעסק זיין באַ טויטע און אויף יום־טוב טיילן כיבוד און קצבה.

כּדי צו דערגרייכן דעם ערשטן ציל — השגחה צו געבן אויף קראַנקע — איז דער שמש מחויב צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט באַ יעדן קראַנקן, דערנאָך שוין די חברים, לויטן איינזעצן פון גבאי־חודש (וועגן אים שפּעטער), וועלכער שיקט ארום „פּלעטן" — קוויטלעך. יעדער, וואָס קומט מבקר זיין אַ חולה, מוז זען, אַז דער קראַנקער זאָל האָבן צו עסן, טרינקען און אַלע רפואות, כּדי עס זאָל אים גאָרנישט פעלן.

שפּעטער האָט שוין די חברה־קדישא אירס אַ שפּיטאָל (הקדש).

די צווייטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם, בייצוווינען באַ דער גסיסה, צו טון דעם מת „זיין רעכט", מטהר און מלווה זיין, און, ענדלעך, אים מקבר זיין.

די חברה האָט דעריבער אין איר רשות אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, אַלזאָ דעם בית־הקברות, די טהרה־כּלים א. א. וו.

חוץ דעם צאָלט אויס די חברה־קדישא חודשלעכע שטיצע אָרעמע־לייט, אלמנות, און אויך חזנים, מלמדים, שמשים און אַנדערע „כּלי קודש".

(לויט אַ רשימה פון יאָר 1811 מאַכט אויס די חודשלעכע שטיצע 88 פּוילישע גילדן).

שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען האָט די חברה־קדישא גע־שעפּט אירע הכנסות?

אויף דעם ענטפערט אונז דער פּנקס אין פאַרשידענע שטעלן:

1) פון איינקויפסגעלט פון יעדן נייעם חבר;

2) פון זאַמלען מיט דער „ביקס" (פּושקע) באַ יעדער לוויה און יעדן פרייטיק;

3) פון חודשלעכע אָפּצאָלונגען, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די חברים ספּעציעל פאַר אָרעמע־לייט;

4) די הכנסות פון דער מקוה און

5) די וויכטיקסטע הכנסה: דאָס געלט פאַר דער קרקע.

די אָנפירונג מיט דעם אַלעם איז געלעגן אין די הענט פון אַ פאַרוואַלטונג, וועלכע איז אָפיציעל באַשטאַנען פון 3 גבאים און אַזוי־פיל שטעלפאַרטרעטערס, וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויף 1 יאָר אָן 8 טעג. נאָר פאַקטיש האָבן אויך געהאַט אַ דעה די כשרים.

די וואַלן זענען פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

אסרו חג פון פסח (בשום אופן נישט שפּעטער) קומט פאָר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די פריערדיקע גבאים גיבן אָפּ אַ דין וחשבון פון קאַסע־צושטאַנד: די רעכנונגען באַשטעטיקן די שטעל־פאַרטרעטערס. דערנאָך קומט פאָר די באַלאָטירונג - כלפּי. מ'וואַרפט אַריין אין אַ קאַפּל (?) די נעמען פון די פולבאַרעכטיקטע חברים און מ'ציט אַרויס 5 קוויטלעך. די, וואָס זענען זוכה בגורל, הייסן כשרים [1]. אין דער כלפּי האָבן דאָס רעכט אָנטייל צונעמען אַלע חברים, אויסער די גבאים פון פריערדיקן יאָר, אָרעמע־לייט און מקבלים, וואָס נעמען קצבה, ווי אויך יונגע חברים, „מלאַטשים" (וועגן זיי — שפּעטער).

די אויסגעוויילטע כשרים נעמען איבער די קאַסע, דערפילן די פונקציעס פון די גבאים, ביז ר"ח אייר, ד. ה. 8 טעג. אין דעם טאָג (אָבער בשום אופן נישט שפּעטער) ווײלן זיי אויס ברוב דעות צו 3 גבאים און שטעלפאַרטרעטערס, וועמען זיי גיבן איבער די קאַסע, דעם פּנקס א. א. און די ניי־געוויילטע גבאים הויבן אָן אויסצופירן זייערע פונקציעס.

---

1) די וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג זענען געוויינלעך פאָרגעקומען חול־המועד פסח. אויך דאָ האָט מען צום ערשט אויסגעבאַלאָטירט כשרים און זיי האָבן אויסגעוויילט אַנדערע אינסטאַנצן.

זע:

Bałaban M.: Dzieje Żydów w Krakowie i na Kazimierzu

Feilchenfeld W.: Die innere Verfassung der jüdischen Gemeinde zu Posen in 17 u. 18 Jahrhundert.

געדרוקט אין

Zeitschrift für Provinz Posen 1896

M. Schorr: Organizacja Żydów w Polsce

Kwartalnik historyczny 1899.

פאַרשטענדלעך, אַז די כשרים קאָנען אויסוויילן פאַר גבאים וועמען זיי ווילן (אַזוי הייסט עס נאָר), אָבער אסור איז זיי „צונעמען די קרוין פאַר זיך" אונטערן שטראָף צו פאַרלירן דאָס כּלפּי־רעכט אויף שטענדיק. אָבער נאָכן אויסוויילן די נייע גבאים ענדיקט זיך נישט די קאָמפּעטענץ פון די כּשרים. זיי האָבן דאָס רעכט, גלייך ווי די גבאים, אָנצונעמען נייע חברים, אַריינצושרייבן החלטות אין פּנקס א. א. וו.

דאָס אויסשליסלעכע רעכט, וואָס געהערט נאָר צו די גבאים, איז דאָס פירן די קאַסע און שיקן „פּלעטן" צו די חברים. און דאָס דער־פילט יעדן חודש אַן אַנדער גבאי, וואָס ווערט אָנגערופן גבאי־חודש (דער חודש־גבאי) אַלא פּרנס החודש אין יעדער קהילה־פאַרוואַלטונג.

אָבער אויך באַ געלט־ענינים האָט מען נישט געהאַט קיין צו־פיל צוטרוי צו די גבאים. אַזוי, למשל, ווען איינער קויפט אַ קבר, מוז זיין אָנוועזנד לכל הפחות זיין שטעלפאַרטרעטער (נישט רעכנענדיק אַ קבר פאַר אַ קינד ביז 4 יאָר).

ווען עס שטאַרבט אָבער אַ „חשובער" ייד, מוזן זיין אָנוועזנד באַ דער השוואה אויך אַנדערע חברים. און ווען דער גבאי באַגייט אַ מאָל אַ שווינדל, מוז ער באַצאָלן דעם היזק פון זיין קעשענע.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע די הוצאות. למשל, באַ צוזאַמענשטעלן אַ רשימה פון אָרעמע־לייט, וועלכע באַקומען די חודשלעכע קצבה, מוזן ביי זיין מערערע חשובע חברים.

אָבער נישט אַלע חברים האָבן די זעלבע רעכט. אַזוי ווערט אין פאַרלויף פון די ערשטע דריי יאָר יעדער נייער חבר אָנגערופן „מלאָטש", און האָט נישט קיין שום רעכט אָנטיילצונעמען אין וואָסער ס'איז באַראַטונג, כּלפּי א. א. וו. פאַרקערט: ער איז מחויב צו פאָלגן די עלטערע חברים, משמש זיין באַ קראַנקע און מתים און זיין גרייט אויף יעדן רוף פון די גבאים.

נאָך די ערשטע דריי יאָר דאַרף ער שוין נישט משמש זיין מער, ווי אַ פולבאַרעכטיקטער חבר; ער קאָן שוין אָנטייל נעמען אין די באַראַטונגען, אויך אין דער כּלפּי, אָבער ער קאָן נישט אויסגעוויילט ווערן אַלס גבאי אָדער אויף עפּעס אַן אַנדער אַמט.

פולבאַרעכטיקט ווערט ער ערשט נאָך 6 יאָר.

בנוגע „חשובע" יידן, ד. ה. תלמידי־חכמים, נגידים א. א. ווערט געמאַכט אַן אויסנאַם: זיי זענען אויך „מלאָטשים", אין פאַרלויף פון 6 יאָר, ד. ה. זיי האָבן נישט קיין אַקטיווע און פּאַסיווע וואַל־רעכט, נאָר זיי דאַרפן נישט משמש זיין מער ווי אַ פולבאַרעכטיקטער חבר.

עס ליגט אַ חוב אויף די חברים איינצושרייבן זייערע יונגע זין, פאַר וועלכע זיי צאָלן איינקויפסגעלט נאָר 10 פּוילישע גילדן (אַ פּרעמ־דער צאָלט מער). אָבער זייער „מלאָטשעסטווע" הויבט זיך ערשט אָן נאָך דער חתונה.

די חברים האָבן אָבער אויך אַנדערע רעכט. ווי מיר האָבן שוין געזען, מוז בײַ יעדן וויכטיקן ענין, ווי איינגעמען און אויסגעבן געלט, זיין די הסכמה פון די חברים. אויך נייע החלטות קאָנען נישט אָנגענומען ווערן אָן זייער צושטימונג; זיי האָבן אָבער נישט דאָס רעכט עפּעס אַריינצושרייבן אין פּנקס אַ פּשיטא שוין אַקעגנצושטעלן זיך, אָדער פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס עס איז שוין אַריינגעשריבן געוואָרן אין פּנקס. דערפאַר, ווען אַ חבר שטאַרבט, האָט ער, אויסער דעם כבוד, וואָס אַלע חברים זענען אים מלווה, אויך דאָס, וואָס מ'צאָלט פאַר זיין קבר, ווי רייך ער זאָל נישט זיין, נישט מער ווי 10 פּוילישע גילדן.

פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, זעען מיר, אַז די חברה־קדישא האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן. נישט רעכענענדיק אַנדערע פונקציעס, האָט זי דאָך עפּעס דיספּאָנירט מיטן בית־הקברות. דעריבער האָבן די חברים געהיט, אַז עס זאָל חס־ושלום נישט אַריינפאַלן אַלס אַ חבר אַ נישט־אַנטשפּרעכנדע פּערזאָן. בכלל קיין נישט־סוחרים האָט מען נישט אָנגענומען. אַזוי, למשל, האָט זיך געטראָפן, אַז אַ חבר איז געוואָרן אַ קצב, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס באַם איינשרייבן זיך האָט ער בפירוש צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט פאַרנעמען מיט זיין פאַטערס פאַך, ד. ה. זיין אַ קצב. און נישט קאָנענדיק אים שוין אויסשרייבן, האָט מען באַשלאָסן, אַז אַזוי לאַנג ער וועט זיין קצב, האָט ער נישט קיין כלפּי־רעכט (פּראָטאָקאָל פון יאָר 1810).

אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער חברה־קדישא איז געוועזן

דער שמש. ער מוז נעכטיקן די ערשטע נאַכט באַ יעדן קראַנקן, ער טוט צו וויסן דעם גבאי־חודש וועגן יעדן קראַנקן און מת, ער רופט אין די יידישע גאַסן מלווה צו זיין אַ מת, גראָבט די קברים, היט דעם אינוועגטאַר א. א. וו.

דערפאַר באַקומט ער:

1) די גאַנצע הכנסה פון דער מקוה,

2) די „ביקס", ד. ה. וואָס ער נעמט צונויף מיט דער פושקע יעדן פרייטיק און

3) 30 פוילישע גילדן אַ יאָר.

פון דעם געזאָגטן זעען מיר:

1) אַז די חברה־קדישא האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע פילאַנטראָפּישע פונקציעס, וואָס געהערן אייגנטלעך צו דער קהילה. [1]

2) דאָס נישט אַריינלאָזן קיין נישט־חשובע מענטשן, ד. ה. נישט קיין סוחרים, דאָס אַריינגעמען כמעט בלויז זין פון די חברים, דאָס צונעמען דאָס וואַל־רעכט באַ חברים אָרעמע־לייט, דאָס אַלץ ווייזט אונז, אַז די חברה האָט געטראָגן דורכאויס אַן אַריסטאָקראַטיש־פּלוטאָקראַטישן כאַראַקטער.

3) די פּלוטאָקראַטיע האָט מורא געהאַט אַפילו פאַר אירע אויס־געוויילטע גבאים, נישט רעדנדיק שוין פון די כשרים, וועלכע זענען דאָך אויסגעקומען על־פי גורל. דעריבער זעען מיר טאַקע, אַז יעדע וויכטיקע פונקציע איז שטרענג באַגרענעצט (מוז האָבן די קאָנטראָל פון אַ סך חברים), שטרענג ווערט אָפּגעהיט ביזן היינטיקן טאָג די קאַדענץ א. א. וו. און

4) וואַרשיינלעך זענען די זעלבע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער חברה־קדישא, געווען די פרנסים פון דער קהילה. קיין געגויעס האָב איך נישט, אָבער אַ שיין אויף דעם וואַרפט אַ פּראָטאָקאָל פון יאָר 1791. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז די גבאים פון דער חברה־קדישא האָבן מיט 3 יאָר צוריק טיילווייז באַפרייט אַ שכנישן

---

[1]) אַנדערע גרעסערע קהילות, ווי, למשל, פּויזן און קראָקע, האָבן אויסגעוויילט קאָמיסיעס פאַר פילאַנטראָפּישע פונקציעס. זע: באַלאַבאַן, פיילכענפעלד און שאַר.

דאָרפס־ייד פון קאָפּשטייער אויף 3 יאָר, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער 300 גילדנדיקער הלוואה, וואָס ער האָט געגעבן, אויף צוצו־קויפן אַ שטיקל ערד פאַרן בית־הקברות.

דאָס ווייזט אונז, אַז די גבאים האָבן לכל הפחות פאַרייניקט מיט זייער חברה־קדישא־טעטיקייט אויך די פונקציעס, וואָס האָבן געהערט אויסשליסלעך צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

אויך דאָס, וואָס די מקוה האָט געהערט צו דער חברה־קדישא, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט געלט זי צו פאַררריכטן, וואָס זיי האָבן געצאָלט חודשלעכע אונטערשטיצונג נישט בלויז אָרעמע־לייט און אלמנות, נאָר אַפילו שמשים, מלמדים, חזנים און אַנדערע, „כלי קודש"—דאָס קאָן אַרויספּירן אויף דעם געדאַנק, אַז די חברה־קדישא און די קהילה זענען געוויס דעמאָלט געווען גאָר נאָענטע אינסטיטוציעס.

ל. צאַמבער

פונם לעבן פון די וואַרשעווער יידן אין XV־טן י. ה. *)

הקדמה

דער פאָלגנדיקער קאַפּיטל באַשטייט פון אַ ריי פראַגמענטן, וועלכע עס האָט זיך אונז איינגעגעבן צונויפצוזאַמלען פון פאַרשידענע געביטן פונם יידישן אינערלעכן לעבן. די פראַגמענטאַרישקייט פון אונזערע ידיעות נעמט זיך פון דעם כאַראַקטער פון די קוועלן, פון וועלכע מיר האָבן געשעפּט. וואָרום דער אייגנטלעכער מקור צו דערקענען דאָס אינערלעכע לעבן פון די יידן זענען אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן קודם־כל געווען די העברעישע קוועלן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך יידן. צו דעם מין קוועלן פאַררעכענען מיר פּנקסים פון די יידישע קהילות, ד. ה. ביכער אין וועלכע מען פלעגט פאַרשרייבן באַשלוסן פונם אָרטיקן קהל און טיילמאָל אויך החלטות פון „ועד ארבע ארצות". אַזעלכע פּנקסים זענען אין וואַרשע נישט פאַרבליבן צוליב כסדרדיקע גירושים, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט די יידישע קהילה אין וואַרשע, און האָבן נישט איבערגעלאָזט אַפילו קיין שטיין פונם אַלטן יידישן בית־חיים, ווי די גאָטספּאָרכטיקע דאָמיניקאַנער האָבן אין יאָר 1530 אויפגעשטעלט אַ בעקעריי. בלייבן אַלזאָ די לאַנד־אַקטן (Księgi ziemskie) אַלס איינציקער מקור פאַר אונזערע ידיעות וועגן אינערלעכן לעבן פון די יידן.

אַ חוץ סטערעאָטיפּישע ציוויל־פּראָצעסן געפינט מען אין זיי קרימינעלע ענינים, וואָס אַנטדעקן פאַר אונז צייטנווייז זייער אינטערעסאַנטע פּרטים. אַ דאַנק זיי באַקענען מיר זיך מיט געוויסע מאָמענטן פונם קאָלעקטיוון לעבן פון די יידן (אויטאָנאָמיע, מחלוקות און קריגע־

---

*) אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרכיוואַלישער אַרבעט א. ד. ט. „די יידן אין וואַרשע ביז צום יאָר 1527".

רייען צווישן יידן), מיט יידישע נעמען, הלבשה א. ד. ג. אַחוץ דעם אַנטפּלעקן אונז אונזערע קוועלן די פֿאַרהעלטנישן צווישן דער קריסטלעכער וועלט און דער יידישער. מען טרעפֿט אויך אין זיי שפּורן פֿון דער פֿאַרצייטיקער יידישער קולטור (שפּראַך, כתב א. ד. גל.).

1. קריגערייען און מחלוקות צווישן יידן

(צייט-בילד)

אַ זייער אינטערעסאַנטן פּרק פּונם אינערלעכן לעבן פֿון די וואַרשעווער יידן בילדן די מחלוקות צווישן זיי, בפּרט, אַז אין דער ראָל פֿון אָנגעקלאָגטע טרעטן טיילמאָל אַרויס זייער אָנגעזעענע פּערזאָנען ווי, למשל, אַסעסאָרן פֿון יידישן געריכט, וואַרשעווער נגידים א. ד. גל.

די פּסק-דינים, וועלכע דאָס געריכט גיט אַרויס, זענען אונז על פּי רוב אומבאַקאַנט. אין 2 פֿאַלן האָבן זיך די צעקריגטע צדדים אויסגעגליכן און באַצאָלט אַ שטראָף א. ג. „jednane“ [1]. צוליב דעם אינטערעסאַנטן ליכט, וואָס די פּראָצעסן וואַרפֿן אויף די מנהגים פֿון די דעמאָלטיקע יידן, איז כּדאי אַ טייל פֿון זיי איבערגעבן אין אַ געטרייען קיצור.

דער ערשטער פּראָצעס אויף וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אונזערע קוועלן, דאָס איז דער פּראָצעס צווישן דער וואַרשעווער יידישקע הדסה (Hadassa) קעגן דעם אָרטיקן יידן יעקב „וועגן מבייש זיין („Sromoczenie“) [*] און „געבן איר אַ פּאָר פּעטש באַ איר אין שטוב“ [2] („zadanie jej policzków w jej domu“.), יעקב פֿאַרטיידיקט זיך פֿאַרן געריכט: „אַזוי ווי איך האָב נישט מבייש

---

[1] וואַרשעווער לאַנד- און גראַד-אַקטן (וו. ל. ג. א.) נר. 3, ז. 280, י. 1457; „Lazarus i Habram pogodziwszy się płacą jednane penam“ דאָרט נר. 2, ז. 420, 1435; ”Izak i Alexander płacą concordiales et penas“

[2] וו. ל. ג. א. נר. 1, ז. 182, י. 1425.

[*] sromoczenie קען באַטייטן אויך פֿאַרגוואַלטיקן. דאָ דאַכט זיך האַנדלט זיך וועגן מבייש זיין.

געווען הדסה׳ן אין איר שטוב און איך האָב אויך נישט דערלאַנגט קיין פּעטש״ („yako ya nesromoczel (nie sromocił) Adassy w ijeij domo anijmi (anim) ijeij policzków zadawał (1 .“) ער שטעלט נאָך אַ חוץ דעם 5 עדות אויף וועלכע ער פאַררופט זיך ווי אויף ערנסטע מענטשן. די דאָזיקע עדות דאַרפן זאָגן לויטן נוסח: „אַזוי ווי איך ווייס״ (2 („yako ya tho wyem“) שטאָט דעם נוסח „אַזוי ווי איך בין דאַביי געווען״ („yako ya przy them bil“), לויט וועלכן עס זאָגן עדות מענטשן, וואָס האָבן בייגעוווינט דעם פּאָר־פאַל. צווישן עדות, וואָס יעקב האָט געשטעלט פאַרן געריכט, געפינען מיר דעם שקאָלניק (שמש) כאַנאַי (חנן?), אַ חוץ דעם דוד מלמד, ווי־טער דעם פלאַצקער ייד מיסטערלין (משה), דעם בלינדן (jednooki), ווי אויך שלמהן פון ווישעגראַד. זיי זאָגן עדות: „אַזוי ווי איך ווייס דאָס, אַז יעקב האָט נישט מבייש געווען הדסה׳ן אין איר הויז און האָט איר נישט דערלאַנגט קיין פּעטש״ („yako 3) ya tho wyem Jakub nesromoczel Adassy w ijeij domo anij yey policzkow zadawał“).

בשעת מעשה רוקט הדסה אַרויס נייע פאָרווורפן אַקעגן יעקבן. דאַרויף דערקלערט יעקב: „אַזוי ווי איך האָב נישט חרוב געמאַכט הדסהעס הויז און האָב איר אויך נישט געמאַכט קיין וווּנדן״ „Yako ija nerossbil (nie rozbił) Adassina domu anym ijeij ran zadawal)“. די אויבנגעבראַכטע דערקלערונג באַשטעטיקט אַ גאַנצע ריי נייע עדות, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך דער אַסעסאָר פון יידישן גע־ריכט אַלעקסאַנדער און זיבן יידן פון ווישעגראַד, דהיינו, פישמאַן, לאַכמאַן (נחמן?), מאַרעק, יצחק, יעקב און האַבראַהאַם (אברהם), וועל־כע זאָגן עדות: „אַזוי ווי איך ווייס דאָס, אַז יעקב האָט נישט חרוב געמאַכט הדסהעס הויז און ער האָט איר דאָרט נישט געמאַכט קיין וווּנדן״ „Yako ya 4) tho wyem Jacub nerossbil Adassina

1) וו. ל. ג. א. גר. 1. ז. 181, י. 1425.

2) דאָרט

3) דאָרט

4) דאָרט

ווי אַזוי האָט זיך פאַר־ domo any ijeij thamo ran zadawal“) ענדיקט דער אינטערעסאַנטער פּראָצעס — ווייסן מיר נישט.

אין דעמזעלביקן יאָר טרעפן מיר ווידער אונזער יעקב פאַרן געריכט. הדסה באַשולדיקט אים, אַז ער האָט באַ איר געגנבעט 24 שאָק גראָשן. יעקב וואַשט זיך אָבער ריין דורך אַ שבועה.[1] אין 5 יאָר שפּעטער ד. ה. אין יאָר 1433 טרעפן מיר ווידער יעקבן אויף דער באַנק פון אָנגעקלאָגטע. עפּעס אַ וואַרשעווער יידינע האָט אים אָנגע־קלאָגט פאַר שלאָגן.[2]

אונטערן יאָר 1434 פאַרנאָטירן די געריכטס־ביכער אַן ענין וועגן אַ גנבה, וועלכע עס האָט געזאָלט באַגיין דער וואַרשעווער יידישער אַסעסאָר אַלעקסאַנדער,[3] אָבער נאָך פאַר דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג האָט דער אָנקלאָגער יצחק צוריקגעצויגן די באַשולדיקונג. דאָס שרייבט אַריין דער שרייבער אין געריכט־בוך. איבער דער לאַטיינישער אויפ־שריפט שרייבט אַלעקסאַנדער אַריין די פאָלגנדיקע העברעישע נאָטיץ: „משפט נקייה נצח“[4] („דאָס געריכט האָט אים ריינגעוואַשן אויף אייביק“).

אין ענלעכע ווענדונג האָט אָנגענומען דער ענין פונם וואַרשעווער ייד לאַזאַרוס אַקעגן אַברהמען, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַ גנבה. כדי צו פאַרגיטיקן אַברהמען די עולה, וועלכע לאַזאַרוס האָט אים אָנגעטון, לויבט ער אים אין די הימלען און דערקלערט פאַרן געריכט, אַז „אברהם וועט זיין און איז אַגוטער מענטש, וואָס ווייס גאָרנישט פון קיין שלעכטס“.[5] אונטערן יאָר 1486 געפינען מיר אין די געריכטס־אַקטן[6] אַ פּראָצעס צווישן די וואַרשעווער יידן אָשווא (שעיה) און סלאָמען וועגן ערע־באַליידיקונג (אָשווא האָט אָנגערופן

---

[1] וו. ל. ג. א. נר. 1, ז. 181, י. 1425.

[2] וו. ל. ג. א. נר. 2, ז. 189 י. 1433

[3] דאָרט ז. 420, י. 1435

[4] דאָרט.

[5] „habraham in omnibus dixit fore et esse bonum hominem nihil de mali sciens“ (דאָרט נר. 3. ז. 280, י. 1457)

[6] וו. ל. ג. א. נר. 3, ז. 1126, י. 1465.

סלאָמען אַ דעפּרווידאַנט). דער ענין האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּשרה און סלאָמא האָט צוריקגעצויגן זיין באַשולדיקונג.

אינטערעסאַנטער זענען די סכסוכים צווישן די וואַרשעווער יידן און יידן־„אורחים". אָט זענען זיך אין יאָר 1477 [1]) געזעסן אין וואַרשע אין אַן אַכסניה בּאַ אַ געוויסן סוואַראָטשקי אַ גרופּע יידן פון בריסק דליטאָ: מאָשקא (משה), הערטש (הערש), סאָניק א. א. דערזעענדיק דורכן פענסטער אַדורכגיין אַברהמען און יעקבן, דער רביצנס זין (filii doctorowae) האָבן זיי אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן פון זיי און גערופן זיי גנבים. אויף די געוואַלדעס, וועלכע זיי האָבן אָנגעמאַכט, זענען געקומען צולויפן די חשובי העיר: דער וואָיט יאַן ווילק, דער סטאַראָסטע סמאָלסקי, דער לאַווניק לעוו און דער באַאַמטער יורגאַ. אַלס היטער פון דער עפנטלעכער רו האָבן זיי זיך אַריינגעמישט אין ענין און מיטן הסכם פון די יידישע פּני האָבן זיי די מוצאי שם רע אַריינגעזעצט אין שלאָס־טורם. די איינגעזעצטע יידן באַמיען זיך אַרויסצודרייען פון דער נישט אָנגענעמער און אומגעריכטער פאַר זיי סיטואַציע. זיי דערקלערן, אַז זיי האָבן אַברהמען און יעקבן נישט חושד געווען אין גנבה און האַלטן „די דערמאָנטע יידן פאַר יושרדיקע און ערלעכע מענטשן, וועגן וועלכע זיי האָבן קיינמאָל גאָר קיין שלעכטס נישט געהערט, רק גוטס, מיטן צונאָמען גנבים האָבן זיי געמיינט בלויז אַ שפּאַס." ווי דער דאָזיקער ענין האָט זיך געענדיקט, צי אין יידישן געריכט צי אין לאַנד־געריכט, וועגן דעם שווייגן די מקורים.

נישט תמיד האָבן זיך די ענינים צווישן די וואַרשעווער און פרעמדע געענדיקט בלויז מיט ווערטער, עס איז טיילמאָל דערגאַנגען אויך צו פּעטש. אַזוי אַ שטייגער האָט דער יידישער באַנקיר אָשוואַ געזאָלט אינם יאָר 1468 [2]) צושלאָגן פאַר דער שול דעם ייד יעקב און גערופן „פרעמדער" (alienigena). דער ענין האָט אָנגעשפּאַרט אין יידישן געריכט, וואָס האָט אָבער אָשווען דערקלערט פאַר אומשולדיק אויפן סמך פון עדות זאָגן פון מענטשן, וואָס זענען דאַביי געוועזן.

[1]) וו. ל. ג. א. נר. 4, ז. 1110-11, י. 1477.

[2]) (וו. ל. ג. א. נר. 4, ז. 161 י. 1468) „pro violenti ipsius recepcione de Scola Judeorum".

דער אויבן דערמאָנטער פאַקט וועגן די געשלעגערייען אין דער שול אָדער פאַר דער שול, איז אָבער נישט קיין פאַראיינצלטער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דעמאָלט האָט די שול געדינט נישט בלויז אַלס בית־תפילה נאָר אויך כמו אַ געזעלשאַפטלעכער קלוב. אינם יאָר 1489 ברענגען אונז די געריכטס־אַקטן אַ ידיעה וועגן אַ משפחה־מחלוקת, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שול צווישן אַברהמען מיט זיין ווייב אסתר פון איין זייט, און בעניאַשן מיט זיין טאָכטער טשאַרנולא פון דער צווייטער זייט. דאָס דאָזיקע געשלעג האָט געפונען זיין עפּילאָג אין געריכט, ווו די ביינישעכע האָט עדות געזאָגט, אַז „אַזש בלוט האָט זיך געגאָסן.“ [1]

2. יידן און קריסטן

(קעגנזייטיקע באַציאונגען)

די נייערע פאָרשונגען איבער דער אינערלעכער געשיכטע פון די יידן האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער לעגענדע וועגן דער כינעזישער מויער, וואָס האָט כלומרשט געזאָלט אָפּגרענעצן די יידישע געזעלשאַפט פון דער קריסטלעכער. די פאָרשונגען איבער דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור און וועגן דעם לעבן פון די יידן באַווייזן אונז, אַז די דאָזיקע צוויי וועלטן (די יידישע און קריסטלעכע) האָבן אויף זיך קעגנזייטיק משפיע געווען כמעט אויף אַלע געביטן פונם לעבן.

די יידן פלעגן איבערנעמען פון די קריסטן די הלבשה, נעמען און פאַמיליע־נעמען, מנהגים א. א. און אָפטמאָל פלעגן זיי איבערנעמען גאַנצערהייט די שפּראַך פון די אַרומיקע פעלקער (דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניע, אַראַביע א. א. וו.), אַמאָל ווידער פלעגן זיי די

---

[1] „Dum perfida hester Byenyaschowa judicialiter proposuit super Judeum Abram cum uxore eïus hester pro co quod ipsam in sinagoga ipsorum depelaverunt et maxillaverunt vi cum violencia iam sanguis fluxit prout ex vero cognicione einsdem patebat. Domini exauditi proposîcionem et responsionem נישט לעזבאַר pena (וו. ל. ג. א. גר. 6, ז. 426, י. 1498).

אייגענע שפּראַך באַרייכערן מיט פרעמדע עלעמענטן (די יידישע שפּראַך אין פּוילן א. א.). אויך די יידישע קולטור און, בפרט, די פאָלקס-קולטור (טעאַטער, קונסט, וכדומה) געפינען זיך אונטער אַ שטאַרקער השפּעה פון דער קריסטלעכער וועלט. פּונקט אַזוי ווי די רעפאָרמאציע, וואָס האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויף דער יידישער גאַס, געפינט דאָ אויך די סכאָלאסטיק אירע פאָרשטייער.

די יידן שטייען אין אַלגעמיין אין זייער לעבעדיקע באַציונגען מיט די קריסטן. אַלס באַוויז דערפאַר קענען אונז דינען די כסדר באַנייטע באַשלוסן פון די קירכלעכע סינאָדן, וואָס פאַרווערן די קריסטן צו גיין צוזאַמען מיט די יידן אין באָד און אָנטיילנעמען אין געמיינזאַמע מאָלצייטן וכדומה. די שטענדיקע פּראָפּאַגאַנדע פונם קאַטוילישן קלויסטער פאַר איינפירן סימנים, וואָס זאָלן אונטערשיידן יידן פון קריסטן, האָט דאָסגלייכן געהאַט דעם צוועק אַנטקעגנצווווירקן די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען צווישן יידן און קריסטן.

די השפּעה, וואָס די יידן האָבן אויסגעאיבט אויף די קריסטן איז געווען קודם-כל אַ באַדייטנדע בעת דער רעפאָרמאַציע. דעמאָלט שאַפן זיך אַפילו סעקטעס, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער יידישער רעליגיע ד. א. ג. יודאַאיזירנדע (judaisare), בפרט אין גרויס-פּוילן און אין מאַזאָוויע; עס האָט זיי דאַביי נישט אָפּגעהאַלטן, וואָס די פּראָזעליטן האָט דעמאָלט געדראָט טויט-שטראָף, ווי דאָס איז געשען מיט דער פרוי וויַיגל פון קראָקע, וועלכע איז אין יאָר 1539 פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן פאַר מודה זיין זיך צו דער יידישער אמונה.

מיר גיבן דאָ אָן עטלעכע פּרטים, וואָס שטאַמען פון די מאַזאָווישע קוועלן און וואָס באַשטעטיקן טיילוויַיז די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען, וואָס מיר האָבן שוין בקיצור איבערגעגעבן.

טייל וואַרשעווער יידן זענען געשטאַנען אין נאָענטע באַציונגען מיט דער שליאַכטע.

אַלס ביישפּיל קען אונז דינען דער וואַרשעווער ייד לאַזאַרוס, וואָס שפּילט אין יאָר 1414 [1]) מיטן שליאַכציץ ציאָלעק פון טשערסק אין ווערפל און טרינקט דאַביי מיט אים וויין.

[1]) „Item nota quia Lazarus Judeus et Petrus vineator de

עטלעכע מאָל זענען קריסטן ערב פאַר יידן. אַזוי, למשל, זענען ערב אין יאָר 1436 (1 פאַר דעם וואַרשעווער יידן יצחק צוזאַמען מיט דעם ווישעגראָדער ייד מאַי אויך די צוויי שליאַכציצן באָלעסטא און פּאַוועל פון דאָמבראָוווקע. עס זענען ערב פאַר יידן אַפילו הויכגע־שטעלטע פּערזענלעכקייטן, ווי, למשל, דער ציעכאַנאָווער סטאַראָסטע יאַקוב פון גאָלימין, וואָס גיט ערבות אין יאָר 1488 (2 פאַר דעם ציע־כאַנאָווער יוד — מוכאַ.

אַ שיינעם ביישפּיל פון שכינותדיקן צוזאַמענלעבן צווישן די יידן און קריסטן שטעלט מיט זיך פאָר די האַנדלונג פון דעם ניי־וואַרשעווער פּראָקאָנסול יאַן לאָטשיוואַדא און פונם וואַרשעווער בירגער יאַן דער מאלער בעת דעם אָנפאַל אין יאָר 1529 (3 אויף דער משפחה פונם וואַרשעווער מכס'ניק אין דערזעלבער צייט ווען דער וואַרשע־ווער ראַטמאַן יאַן ווילטשעק אָרגאַניזירט די וואַרשעווער האַנטווערקער־יוגנט און פאַלט מיט איר אָן אויף דעם הייפל יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין וואַרשע, באַשיצן אין זייערע וווינונגען די אַנטרונענע יידן די וואַרשעווער בירגער יאַן לאָטשיוואַדא און יאַן דער מאַלער.

די אינטערעסן־קעגנזאַצן צווישן דעם יידן דעם לוה, דעם בעל־משכון, און דעם קריסט דעם בעל־חוב, דעם משכון־געבער, צעשטערן די אָנגעצייכנטע האַרמאָניע, און רופן אַרויס בשעת אויסערגעווינלעכע באַדינגונגען שאַרפע קריזיסן, וואָס דריקן זיך אויס אין אַנטיידישע עקסצעסן, אָנפאַלן, גירושים וכדומה, אין נאָרמאַלע באַדינגונגען — סכסוכים, געשלעגן און אפילו הריגות פון יידן.

מיר וועלן דאָ נישט באַשרייבן די גירושים פון יאָר 1454, 1483,

Czirsko ex utraque parte receperunt se ad dominum Czellicz pro una media sexagena gross. mon. com. quia dominus Czellicz debet recognoscere quia Petrus predictus vineator soluit Judeo predictam mediam sexagenam in domo suo quando idem Judeus lusit tesseris suocum predicto domino Czellicz etc. (Ks. ziem. czerskiej editio Lubomirski № 272, r. 1414)

1) וואַרשעווער לאַנד־און גראָד־אַקטן (וו. ל. ג. א.) ז. 472, י. 1436.

2) וו. ל. ג. אַ. נר. 16 ז. 282 י. 1488.

3) דאָרט נר. 16, ז. 131, י. 1529.

1498 און 1527, און דעם אָנפֿאַל פֿון יאָר 1529 — וואָרום מיר האָבן שוין וועגן זיי געשריבן אויף אַן אַנדער אָרט. מיר וועלן בלויז באַמערקן, אַז אין הסכם מיט די נייערע געשיכטס־פֿאָרשונגען, גלויבן מיר נישט, אַז וועלכע נישט איז עקסצעסן אָדער יידן־פּאָגראָמען זאָלן האָבן פֿאָרגעקומען אויסשליסלעך צוליב דעם „פֿאָלקס־צאָרן" קעגן די „אומגלויביקע" יידן; ווייל בעת יעדער אַנטי־יידישער פֿאָלקס־באַוועגונג פֿלעגט מען ספּעציעל צוטראַכטן עפּעס אַ לעגענדע וועגן פֿאַראומרייניקן די האָסטיע דורך יידן, וועגן פֿאַרסמען ברונעמער, וועגן עלילת־דם א. א. וו. די דאָזיקע מעשיות פֿלעגן פֿאַרשפּרייטן די עלעמענטן, וועלכע זענען געווען פֿאַראינטערעסירט אין פֿאַרניכטן די יידישע עקזיסטענץ. טיילמאָל האָבן די אינספּיראַטאָרן פֿון די אָנפֿאַלן אויף יידן אַליין גענומען אין זיי אַן אַקטיוון אָנטייל.

אַזוי, למשל, האָבן זיך צווישן די אָנפֿירער פֿון אָנפֿאַל אויף די וואַרשעווער יידן אין יאָר 1529 געפֿונען דער וואַרשעווער שטאָט־האַר יאַן ווילטשעק און דער בירגער יאַן פֿאָלטאָראַק.[1]

אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל וועלן מיר באַשרייבן די גוואַלדטאַטן, הריגות א. א. מעשים, וואָס די קריסטן זענען באַגאַנגען לגבי די יידן. מיר וועלן זיך אָבער דאָ אויך פֿאַרנעמען מיט די פֿאַלן, ווען די יידן זענען געווען די אָנפֿאַלער.

אונזער באַשרייבונג וועלן מיר אָנהויבן פֿון דער אָנקלאַגע, וואָס עס האָט אין יאָר 1488 [2]) אַריינגעטראָגן אין וואַרשעווער לאַנד־געריכט דער ציעכאַנאָווער ייד מוכאַ קעגן דעם — דוכט זיך דעמיסיאָנירטן — ציעכאַנאָווער סטאַראָסטע יאַן פּאָדאָסקי פֿאַר צונעמען מיט געוואַלט משכּנות, וואָס האָבן זיך געפֿונען באַ מוכאַן און זענען געווען פּאָדאָסקיס אייגנטום. דער פּסק־דין איז פּונקט ווי אין אַנדערע פּראָצעסן אומבאַקאַנט. דאָס כאַראַקטעריסטישע באַ דעם פּראָצעס איז, אַז אַן אַנדערער ציעכאַנאָווער סטאַראָסטע (וואַרשיינלעך אַ ניי־געוועלטער) גאַראַנטירט פֿאַר דער שטראָף־סומע, וואָס דאָס געריכט האָט ארויפֿגעלייגט אויףביידע צדדים. די דאָזיקע גאַנצע געלט־סומע דאַרף

[1]) וו. ל. ג. .אַ נר. 16, ז. 131, י. 1529.
[2]) וו. ל. ג. .אַ נר. 16, ז. 282, י. 1488.

באַקומען דאָס געריכט, אויב איינער פון די צדדים וועט זיך נישט פאַרהאַלטן רויק ביז צום נאָענטסטן טערמין.

אַ חוץ די פּראָצעסן וועגן משכּנות — וועגן וואָס מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט גערעדט — איז דער רוב אָנקלאַגעס אַקעגן יידן נוגע גנבות. אַזוי, למשל, קלאָגט אָן אין יאָר 1473 [1] דער וואַרשע־ווער קאַנאָניק סטאַניסלאַוו זעלאָווסקי דעם יידן אָשווא פון וואַרשע וועגן אַ גנבה פון זילבער. ווען זיי קומען אָבער צום לאַנד־געריכט דערקענט נישט זעלאָווסקי אין דעם אָנגעקלאָגטן דעם גנב, וואָרום יענעם האָט מען נאָך פאַר דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג געכאַפּט און לויט דעם דעמאָלטיקן געזעץ אויפגעהאַנגען. אונזער קאַנאָניק האַלט אָשוואן פאַר אַן אָרנטלעכן און יושרדיקן מענטשן.

אַן אַנדער מאָל ווידער קלאָגט אָן דער בלוינער מיעשטשאַן וואַווזשיניעץ [2] אַ דאָרטיקן יידן אַברהם, אַז ער האָט בײַ אים צוגעגנבעט אַ קעסל צו קאָכן ביר. אַברהם דערקלערט פאַרן געריכט, אַז דער קעסל איז זיינער און אַז ער האָט אים בלויז געבאָרגט וואַווזשיניעצן אויף אַ געוויסע צייט. ער דערקלערט אויך אַז ער איז גרייט דערויף צו שווערן. דאָס געריכט באַשליסט צו געבן אַברהמען אַ שבועה און אַברהם הויבט טאַקע תּיכּף אָן צו שווערן. אָבער וואַווזשיניעץ, וועל־כער האָט אַלץ ווינציקער שאַנסן, דערלאָזט נישט, אַז די שבועה זאָל פאָרקומען און רייסט אַלץ איבער דעם ייד מיט די ווערטער: „די ביזט געקומען אין מיין הויז און האָסט בײַ מיר צוגענומען דעם קעסל." ווען דאָס געריכט האָט זיך פון דעם וואָזשנע דערוווּסט וועגן פאַרלויף פון דעם ענין האָט עס אַרויסגעגעבן אַ משפּט לטובת אַברהמען.

עס טרעפן זיך אויך פאַלן פון דערהרגענען אַ יידן. אַזאַ גורל האָט געטראָפן דעם באַוווּסטן וואַרשעווער יידישן באַנקיר אַלכּסנדר, [3] וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם שליאַכציץ יאַן פּרושיק פון לופּקאָוו.

קעגן דעם מערדער פאַרפירט אַ פּראָצעס אַלכּסנדערס אַלמנה —

1) וו. ל. ג. אַ. נר. 4, ז. 936, י. 1473.

2) וו. ל. ג. אַ. נר. 5, ז. 840, י. 1482.

3) וו. ל. ג. אַ. נר. 1, ז. 175, י. 1441.

סלאָווע, וועלכע גיט איבער די פולמאַכט אַרויסצוטרעטן אין דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג — דעם מאַזאָווישן פירשט אַלס דעם יידן-באַשיצער.

וועגן צעשלאָגן אַ יידישקע הערן מיר אין יאָר 1480. [1]) דאָס איז לאה (Łya) פון בלוינע, אַן אַמאָליקע וואַרשעווער איינוווינערין, וועמען עס האָט צעשלאָגן און אַפילו פאַרווונדעט מיקאָלאַיס פרוי פון לעשניעוו, די שליאַכציאַנקע יאַדוויגע.

ווידער הערן מיר, אַז דער שליאַכציץ מיקאָלאַי פּראַטשסקי האָט אָנגערופן דעם וואַרשעווער יידן לאַזאַרוס [2]) — הונט, און די דאָזיקע באַליידיקונג האָט ער פאַרן געריכט נישט נאָר נישט אָפּגערופן נאָר ער האָט זי נאָך פאַרשטאַרקט, אָנרופנדיק לאַזאַרוסן „סמערד” (פּויער).

אָבער אויך די יידן זענען טיילמאָל געווען דער אָנפאַלנדיקער צד. אַזוי, למשל, איז די קריגעריש געשטימטע אסתּר (Hestera), די פרוי פונם יידישן אַסעסאָר ביעניאַש [3]), אָנגעפאַלן אין דער יידישער גאַס אויף יאַדוויגע פון לעשניעוו, וואָס איז געווען גאָט די נשמה שולדיק, האָט זי געזידלט מיט באַליידיקנדע ווערטער („verbis inhonestis“) און האָט זי אַפילו מיט אַ שטעקן געשלאָגן. אויף דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג האָט וואַרשיינלעך די ביעניאַשעכע געלייקנט שטיין און ביין, ווייל דאָס געריכט הייסט איר שווערן פאַר אַ ספר-תורה, צושטעלן זעקס עדות „גוטע און ערלעכע יידן”. די ביעניאַשעכע איז, ווייזט אויס, נישט צופרידן, זי נעמט דעריבער נישט אָן דעם פסק-דין, באַצאָלט אַ געריכטס-שטראָף און אַפּעלירט צום פירשטלעכן געריכט.

דער דאָזיקער ענין האָט נאָך געהאַט אַן עפּילאָג. די פלאַפּלערין אסתּר האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן איר לאַנגע צונג אַפילו פאַרן געריכט. בעת מען האָט איר פאָרגעלייענט דעם פסק-דין האָט זי נישט בלויז אים נישט אָנגענומען, נאָר האָט דעם פסק אָנגערופן אַ פאַלשן און די באַשולדיקונג — רכילות. דער באַליידיקטער טריבונאַל האָט

1) לאַנד-אַקטן פון דעם בלוינער פּאָוויאַט נר. 3, ר. ז. 129, 137, 144, י. 1480.
2) וו. ל. ג. א. נר. 2, ז. 4, י. 1428.
3) דאָרט נר. 4, ז. 936, י. 1473.

די בעניאַשאָווע אָנגעקלאָגט פאַר דעם פירשטלעכן געריכט, ווי עדות געזאָגט האָט דער געריכטס-וואָזשנע, וואָס איז דאַביי געווען. דאָס פירשטלעכע געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון ספּעציעל דעלעגירטע פירשטלעכע באַאַמטע אין דער אָנוועזנהייט פון יידישע בייזיצערס, — באַשטראָפט זי לויט די לאַנד-געזעצן מיט 6 וואָכן תּפיסה און מיט אַ געוויסער געלט-שטראָף.

3. יידישע דאָקטוירים

יידן האָבן זיך שוין אין פריִען מיטלאַלטער אויסגעצייכנט אויפן געביט פון מעדיצין. און דערפאַר פלעגן זיך צו זיי ווענדן נישט בלויז פּערזאָנען פון נידריקערע שטאַנדן, נאָר אויך פּערזאָנען פון העכערן שטאַנד, צווישן וועלכע עס האָט אַפילו נישט געפעלט קיין קיניגן (אין פּוילן טרעפן מיר יידן אַלס הויף-דאָקטוירים שוין אָנהויב XVI-טן יאָרהונדערט). די פּאָפּולאַריטעט פון די יידישע דאָקטוירים נעמט זיך דערפון, וואָס די דעמאָלטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג, זייענדיק טיף אַדורכגעדרונגען מיט אַבערגלויבנס, האָט די מעדיצין באַטראַכט אַלס אַ פאַך אין וועלכן מען ווערט געניט נישט אַדאַנק לערנען זיך און פּראַקטיק, נאָר דורך כּישוף. יידן אַלס פרעמדע — האָבן זיי געמיינט — שטייען אין קאָנטאַקט מיט אומריינע כּוחות וועלכע זענען זיי בייהילפיק באַ זייער אַרבעט.

די עלטסטע ידיעה וועגן יידישע דאָקטוירים, וואָס געפינט זיך אין די יידישע מקורים, איז שייך אַ יידישער פרוי. דאָס איז סלאָווע, די פרוי פונם באַקאַנטן באַנקיר אלכּסנדר. אינם יאָר 1435 שליסט אלכּסנדר אין איר נאָמען מיט אַ געוויסן מאַציעי שושקא אַן אָפּמאַך לויט פאָלגנדיקע באַדינגונגען: סלאָווע פאַרפליכטעט זיך אויסצוהיילן שושקאַס ווייב פון דער קרענק אויף וועלכער זי ליידט. אויב די רפואה וועט העלפן דעמאָלט באַקומט סלאָווע אַלס שכר 3 שאָק גראָשן, אויב זי וועט אָבער נישט געזונט ווערן דאַן איז שושקא באַפרייט פון געבן איר אַ וועלכן ס'איז האָנאָראַר.[1]

[1]) וו. ל. ג. א. נר. 2, ז. 356, י. 1435.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אינטערעסאַנטן פּראָצעס, וועמענס פּרטים מיר גיבן אָן אין אַן אַנדער אָרט, און וועלכער איז פּאָרגעקומען אין יאָר 1463 פֿאַרן וואַרשעווער לאַנד-געריכט, ברענגען אונזערע קוועלן אַ ידיעה, אַז אין וואַרשע האָט דעמאָלט געלעבט אַ יידישער דאָקטאָר ישראל, [1] וואָס האָט וואַרשיינלעך געשטאַמט פֿון עלס אין שלעזיע. אין דעמזעלביקן יאָר אַנטפּלעקט זיך אַ יידישער דאָקטאָר שלמה, וואָס אַ חוץ מעדיצין פֿאַרנעמט ער זיך אויך מיט וואָכער.

אַן אינטערעסאַנטער פּראָצעס וועגן אַ דאָקטאָרישן האָנאָראַר קומט פֿאָר אינעם יאָר 1527. אין דעמדאָזיקן יאָר פֿאַרלאַנגט דער וויקאָרע פֿון דער קאָלעגיאַטע פֿון הייליקן יאַן מיטן נאָמען ראָסלאָוו פֿונם יידישן דאָקטאָר פֿעליקס פֿון סאָכאַטשעוו, אַז יענער זאָל אים אומקערן דעם שכר, וואָס ער האָט אים געגעבן. זיין תּביעה מאָטיווירט ער דערמיט, אַז בעת ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער זיך מיט פֿעליקסן אַן עצה געהאַלטן, וואָס ער האָט צו טון. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ראָסלאָוו איז גאָר נישט געווען געפֿערלעך קראַנק, האָט אים דער ייד געשראָקן, אַז זיין קרענק וועט זיך פֿאַרערגערן, אויב ער וועט נישט נעמען די רפֿואה, וועלכע ער האָט פֿאַר אים געמאַכט. דערהערנדיק אַזעלכע האַרבע דיבורים האָט אונזער וויקאָרי געגעבן פֿעליקסן אַ שאָק גראָשן פֿאַר דער רפֿואה. אָבער אַדאַנק דעם „אייבערשטן" איז אונזער ראָסלאָוו געזונט געוואָרן אָן דער רפֿואה. על כּן פֿאַרלאַנגט ער פֿון פֿעליקסן ער זאָל אים אומקערן דעם שאָק גראָשן. אין אַן אַנדער ליכט שטעלט זיך פֿאַר דערדאָזיקער ענין אין דעם יידס באַלייכטונג. ער דערקלערט, אַז עס איז גאָרנישט אמת, אַז ער זאָל האָבן ראָסלאָוון געשראָקן, אַז זיין קרענק וועט זיך פֿאַרערגערן. דאָס געריכט, אויסהערנדיק ביידע צדדים, הייסט פֿעליקסן שווערן לויט פֿאָלגנדיקן נוסח: „אַזוי ווי איך האָב נישט געשראָקן דעם הער, אַז זיין קרענק וועט גרעסער ווערן — אַזוי העלף מיר גאָט ותּורת משה". [2]

דער געריכטס-פֿאָרמאַליזם

אין מיטלאַלטער איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט דער פֿאָרמאַליזם.

[1]) וו. ל. ג. א. נר. 3, ז. ז. 968, 969, 983, י. 1463.
[2]) וו. ל. ג. א. נר. 16, ז. 210, י. 1527.

דאָס איז קודם־כל נוגע אַלע יורידישע אַקטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער ריי פאָרמאַליטעטן, וועלכע האָבן געמוזט פּינקטלעך אָפּגעהיט ווערן. אין מאַזאָוויע איז דער פאָרמאַליזם אין געריכטס וועזן געווען שטאַרקער אַנטוויקלט, ווי ווו נישט איז אַנדערש. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גיבן אונז די קוועלן אָן אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די יידן, און אויך איין פּראָצעס, וועלכער איז ווערט דערמאָנט צו ווערן.

אַזוי, למשל, צאָלט די וואַרשעווער יידישקע שפּרינצע (Sprynсza) אין יאָר 1427 [1] אַ שטראָף (10 גראָשן) פאַר זיצן אין געריכט אונטער דעם אויוון. דער ייד אברהם [2] ווערט באַשטראָפט אין דערזעלבער מאָס פאַר עסן בעת דעם אַריינגיין אין געריכטס־זאַל, ווידער אַן אַנדער ייד אַלכסנדר [3] ווערט דורך דעם געריכט פאַרמשפּט צו דערזעלבער שטראָף דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ באַנק שטייענדיק פאַר דעם געריכט.

פאַר דעם באַקענען זיך מיט די דעמאָלטיקע מנהגים איז זייער אינטערעסאַנט די געהיימניספולע מעשה פונם יידישן דאָקטאָר ישראל (Izrael), וואָס שטעלט זיך פאָר אַזוי: דער אָלעשניצער פירשט קאָנראַד האָט, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין קרובה — דער וואַרשעווער פירשטין באַרבאַראַ, — געפאָדערט דרייהונדערט פלאָרין פון דעם יידישן דאָקטאָר ישראל, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע. פאַר וואָס עס האָט געקומט דעם פירשט די 300 פלאָרין — דאָס גיבן די אַקטן נישט אָן. צוליב קראַנקהייט האָט וואַרשיינלעך ישראל נישט געקאָנט קומען פערזענלעך צו דער פירשטין. די אָנגעזעענסטע וואַרשעווער יידן ווי ביענייאַש, יצחק, לאַזאַרוס, אָשווא און שלמה (Salomon)

---

[1] „Item Sprincza Judea luit quia sedit super fornacem contra interdictionem dominorum“ (וואַרשעווער לאַנד־ און גראָד־אַקטן נר. 1, ז. 2720, י. 1427).

[2] ...„qui nutrimentum non deposuit se in Judicio przipowyadaycz“ (וו. ל. ג. א. נר. 2, ז. 1242, י. 1451).

[3] (וו. ל. ג. א. נר. 1, ז. 211, י. 1426). ...„quia stabat sustentando se circa scamna”.

זיינען ערב דער פירשטין, אַז זיי וועלן צושטעלן דער פירשטין ישראלן אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן, אונטער אַ שטראָף פון 300 פלאָרין און פאַרלירן זייער באַוועגלעך און אומבאַוועגלעך פאַרמעגן. אינצווישן שטאַרבט ישראל. דעריבער שטעלן צו די אויבנדערמאָנטע יידן — אין הסכם מיט זייער פאַרפליכטונג — פאַר די באַאַמטע פון דער פירשטין דעם טויטן ישראל, וואָס איז געלעגן אין אַ הילצערנעם ארון [1].

עמנואל רינגעלבלום

---

[1] וו. ל. ג. א. גר. 3, ז. 968-9, 983, י. 1463. „conspeximus veraciter fore mortuum (Izraelem) et in Sepulcro ligneo iacentem".

מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פונם עקאָנאָמישן און רעכטלעכן מצב פון די לובלינער יידן אין XVII־טן יאָרהונדערט

די געשיכטע פון די לובלינער יידן בכלל און פון זייער רעכט־לעכן און עקאָנאָמישן מצב בפרט — שטעלט מיר זיך פאָר אַ געביט, וואָס איז נאָך ווייניג באַאַרבעט. די סיבה דערפון איז נישט דאָס פעלן פון אַנטשפּרעכנדע מאַטעריאַלן, נאָר אַ גאַנץ אַנדערע: עס פעלט פּשוט די פאַראינטערעסירונג צווישן די יידישע היסטאָריקער צו לאָ־קאַלע טעמעס. לובלין אָבער וואָלט געוועזן זייער אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר היסטאָרישער אַרבעט, איבערהויפּט פאַר דעם געביט, וואָס אינטע־רעסירט אונז דאָ: פאַר יידישע געשיכטע.

זוכנדיק אין דעם לובלינער אַרכיוו און אין דער האַנטשריפטן־אָפּטיילונג, וועלכע געפינט זיך בײַ דער ביבליאָטעק א. נ. פון ה. לאָפּאַטשינסקי אין לובלין, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אינטערע־סאַנטע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די דאָרטיקע יידן.

שוין אין XVI־טן יאָרהונדערט הויבן זיך אָן די קריסטלעכע האַנטווערקער און סוחרים פון לובלין — צוגלייך מיט אַנדערע שטעט אין פוילן — צו אָרגאַניזירן, צו פאַראייניקן זיך, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו פאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. יעדער פאַך באַזונדער האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַריין, א. ג. צעך.

האַנטווערקער, וועלכע האָבן נישט געהערט צום צעך האָבן גע־הייסן פּושערס (partacze); די לעצטע האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאָכה; אויף דעם האָבן זיי געמוזט האָבן אַ ספּעציע־לע דערלויבניש פון געהעריקן צעך. כמעט יעדער קריסטלעכער האַנט־ווערקער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרײַנצוטרעטן אין צעך, דאַריבער זענען די א. ג. פּושערס געוועזן איבערהויפּט יידן. די צעכן פירן

אַ שטאַרקן אומברחמנותדיקן קאַמף מיט די יידישע האַנטוועקער; דער קאַמף פאַרשטאַרקט זיך פּילפּאַכיק אין XVII-טן יאָרהונדערט.

דער XVII-טער יאָרהונדערט איז אַ צייט, ווען די פּוילישע שטאָט הויבט אָן אונטערצוגיין. דער האַנדל גייט איבער אין די הענט פון דער שליאַכטע און דאַנציקער סוחרים. דער פּוילישער האַנדל ווערט צוגעפירט צו דער מדרגה פון פאַרמיטלעריי און צופירן סחורה פון אויסלאַנד, און אויך אין דעם מוז ער קאָנקורירן מיט דאַנציק; צוליב דעם נישט איינפירן קיין צאָל אויף די גרעניצן פאַר אַריינגעפירטע סחורות ווערן די פּוילישע מערק פאַרפלייצט פון אויסלענדישע סחורות; די צעכן-אינדוסטריע פון לאַנד הויבט אָן שטאַרק צו פאַלן. [1]) די קריסטלעכע שטאָטישע האַנטווערקער און סוחרים זוכן מיטלען, ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער שלעכטער לאַגע; און דאָ געפינען זיי קודם-כל אַ מיטל: דער קאַמף מיט די יידן. עס קומען אַ רייע באַגרענצונגען און דעקרעטן קעגן יידן; די באַגרענצונגען קומען הויפּטזעכלעך אַרויס פון די שטאָטישע צעכן און סוחרים-פאַריינען, און זיי האָבן דעם ציל צו פאַרטרייבן דעם יידישן האַנטווערקער און סוחר פונם פלאַץ.

אין נישט קיין קלענערער מאָס שפּילט זיך אָפּ דער דאָזיקער קאַמף אין דער שטאָט לובלין. די פאָלגנדע דאָקומענטן אילוסטרירן אונז טיילווייז די באַגרענצונגען פון די לובלינער צעכן: פון שניידער, שוסטער, פעלדשער, מוזיקאַנטן — לגבי די יידישע לובלינער האַנטווערקער (דאָקומענטן: № 2, 3, 4, 5). די יידן פלעגן זיך ווענדן נאָך שוץ צום קיניג, וועלכער איז זיי נישט איינמאָל אַנטקעגנגעקומען (זע דאָקומענטן: № 1, 7) און אויך צו די פּוילישע שררות און שליאַכטע, וועלכע פלעגן באַנוצן די יידן אַלס אַ מיטל צום קאַמף מיט דעם בירגערטום [2]) (זע דאָקומענט № 6).

דער מאַגיסטראַט פלעגט שליסן האַנדלס-אָפּמאַכן מיט די לובלינער יידן און איבערגעבן זיי אין אַרענדע אַלערליי פּראָדוקטן, הויפּט-

[1]) ז. 170 St. Kutrzeba: „Historja ustroju Polski“

[2]) אין XVII-טן יאָרהונדערט האָבן די יידן נישט געהערט לויט דעם געזעץ צום שטאָטישן בירגערטום (mieszczaństwo).

זעכלעך בראָנפן (זע דאָקומענט № 9); די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט שטאַרק געקעמפט קעגן דעם און האָט געצווונגען דעם מאַגיסטראַט אַזעלכע אָפּמאַכן נישט אויסצופירן (זע דאָקומענט № 8); איבער־הויפּט דערלאָזט זי נישט, אַז יידן זאָלן באַזיצן שענקן (קרעטשמעס), וועלכע זענען געלעגן הויפּטזעכלעך אין יידישע הענט (זע דאָקומענט № 10) און צו וווינען אין דער א. ג. קריסטלעכער שטאָט. [1]) די יידן האָבן אין לובלין געהאַט זייער באַזונדערן קוואַרטאַל א. ג. „miasto żydowskie“ די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געפירט אַ קאַמף מיט די יידן, כדי זיי נישט צודערלאָזן צו וווינען אויסער די גרעניצן פון דעם יידישן קוואַרטאַל. סווייזט אָבער אויס, אַז די יידן האָבן אין דער א. ג. קריסטלעכער שטאָט יאָ געוווינט, אויב אין יאָר 1691 (זע דאָקומענט № 10) פאָדערט אויף דער המון (pospólstwo) [2]) דעם מאַגיסטראַט צו רעאַסומירן דעם פריערדיקן באַשלוס וועגן נישט דער־לאָזן די יידן צו וווינען אין דער שטאָט.

וועגן דער געשיכטע פון די לובלינער צעכן האָבן געשריבן:

Hieronim Łopaciński „Z dziejów cechu mularskiego i kamieniarskiego w Lublinie“. Kraków 1899 r.

Dr. Jan Kamiński: „Z przeszłości cechów lubelskich“. Przemyśl 1924 r. „Z dziejów konfraternji kupieckiej w Lublinie“. Lublin 1925 r.

Władysław Zieliński: „Cechy w Lublinie“. Bibljoteka warszawska, 1886—III.

אין די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן,—איבערהויפּט אין קאַמינסקיס— איז אויך באַרירט די באַציונג פון די צעכן צו די לובלינער יידישע האַנטווערקער און סוחרים.

די געשיכטע פון די לובלינער יידן האָבן טיילווייז באַאַרבעט:

1) Jan Kamiński: „Z przeszłości cechów lubelskich“.

2) די נידעריקע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָבן געהייסן אין פוילן “pospólstwo“ — „communitas“. שוין אין ענדע פון XVI־טן יאָר־הונדערט באַקומט די „pospólstwo“ אַ רעפּרעזענטאַציע אין די באַזונדערע שטאָט־ראַטן פון די פוילישע שטעט. ביז דער דאָזיקער צייט זענען אין שטאָט־ראַטן געווען פּאַר־שטעער אויסשליסלעך פון די רייכע בירגער פון דער שטאָט.

St. Kutrzeba: „Historja ustroju Polski“ ז. 99.

prof. Majer Bałaban. „Die Judenstadt von Lublin". Berlin 1919.

S. B. Nisenbaum :״לקורות היהודים בלובלין״

מאָנאָגראַפיעס וועגן לובלין האָבן אָנגעשריבן:

Władysław Zieliński: „Monografja Lublina". Lublin 1878 r.

Seweryn Zenon Sierpiński: „Historyczny obraz miasta Lublina". Warszawa, II wydanie 1843 r.

Marja Ronikiewska: „Illustrowany przewodnik po Lublinie". — Warszawa 1901.

די רעזולטאַטן פון מיינע פאָרשונגען זענען נאָר — פאַרשטייט זיך — אַ קליין טראָפּן פון די רייכע מאַטעריאַלן, וועלכע געפינען זיך אין לובלינער אַרכיוו און אין דער האַנטשריפטן-אָפּטיילונג באַ דער ביבליאָטעק א. נ. פון ה. לאָפּאַטשינסקי אין לובלין. דאָס, וואָס איך גיב דאָ איבער איז נאָר אַ קליינער טייל פון דעם מאַטעריאַל, וועלכן איך האָב דאָרט געזאַמלט. ווערמען דאָס וועט אינטערעסירן, שיק איך אָפּ צו די צוקונפטיקע פּובליקאַציעס פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי-טוט, צווישן וועלכע עס וועלן זיך וואַרשיינלעך געפינען אויך מיינע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די לובלינער יידן אינם XVII-טן יאָרהונדערט.

Lublin, 4/XI 1654.

צוויי לובלינער יידישע מוזיקאַנטן: זעליק און מאַנעס מאָשקאָ-וויטש לעגן פאָר דעם גראַד-אַמט דעם 4/XI-טן 1654 אין נאָמען פון אַלע לובלינער יידישע מוזיקאַנטן — אַ פּריווילעגיע, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון דעם קיניג יאַן קאַזשמיעזש דעם 15-טן VIII/1654. אין דער דאָזיקער פּריווילעגיע גיט דער קיניג דאָס רעכט די יידישע לובלינער מוזיקאַנטן פריי צו פאַרנעמען זיך מיט זייער פּראָפעסיע סיי אין שטאָט און סיי אין דער פאָרשטאָט, אָן אַ שום שטערונג מצד די קריסטלעכע לובלינער מוזיקאַנטן.

Wszem wobec y każdemu z osobna komu to wiedzieć należy oznaymuiemy tym Listem naszym, zrozumieliśmy z załobliwej supliki nam imieniem niewiernych Żydów Muzików Lubelskich podamy, iż od niektórych Chrześcian Muzików także Lubelskich w graniu

różne ponoszą prześladowania y przeszkody, więc na Instantią niektórych Panów Rad naszych za niemi wzniesioną, a tudziesz chcąc aby tak przystoiny pożywienia sposob owym nie był broniony wszystkich tych Żydów Muzików Lubelskich pod obronę y Protectią nasze wziąć umyśliliśmy daiąc im wszelaką moc y zupełne pozwolenie tak w samym mieście naszym Lublinie iako y na przedmieściu y inszych Miescach na wszelakich weselach posiedzeniach odkogokolwiek do tego zaciągnionym na jakichkolwiek Instrumentach bezpiecznie grawać y bez wszelakiey innych Muzików przeszkody i exakciey tym sposobem szukać swego pożywienia. Co do wiadomości wszystkim którym to wiedzieć należy, a osobliwie Grodzkiemu Mieyskiemu y inszym jakimkolwiek w mieście naszym Lublinie będącym Urzędom przywodząc (str. 1227 r.) roskazujemy aby pomienionych Żydów Muzików Lubelskich przy tym naszym pozwoleniu cale y nienaruszenie zachowali, y aby od innych jakiegokolwiek stanu ludzi, a osobliwie Muzików Chrześcian Lubelskich zachowani byli starali się dla łaski naszey y powinności Urzędow swoich.

Dan w Warszawie. Dnia Dwudziestego piątego Miesiąca Sierpnia. Roku Pańskiego MDCLIV Ponowania Królestw naszych Polskiego szóstego, a szwedzkiego siódmego Roku. Olbricht Kosiciński — Kanonik Krakowski, Regent Cancellariyey Wielkiej Koronney. Jan Kazimerz Król.

אַ פּראָצעס צווישן די לובלינער קריסטלעכע שניידער מיט אַ יידישן שניידער. דער לעצטער ווערט באַשולדיקט אין אומגעזעצלעכן אויסאַרבעטן און פאַרקויפן אָנצוגן. אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פאַר-

(Protocollum relationum Anni 1654. str. 1226 — 1227 r. Archiwum lubelskie 2240-82).

רופן זיך די קריסטלעכע שניידער אויף דעם דעקרעט (פסק-דין), וועלכן דאָס אַסעסאָרן-געריכט האָט דעם 8-טן/VIII 1659 אַרויסגעגעבן (זע דאָקומענט № 3). דאָס וואָיעוואָדא-געריכט האָט דעם ייד פאַרמשפּט לויט דעם דאָזיקן דעקרעט צו באַצאָלן 30 גריוונעס. אַזוי ווי דער ייד האָט צו דער צייט דאָס געלט נישט איינגעצאָלט, איז ער געוואָרן אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תּפיסה. אָבער דערמיט האָט זיך נאָך דער פּראָצעס נישט געענדיקט. אין אַ גאַנץ קורצע צייט אַרום, דעם 10-טן/VIII פאַרפירן די קריסטלעכע שניידער ווידער אַ פּראָצעס; דאָס מאָל אָבער נישט קעגן דעם יידישן שניידער, נאָר קעגן די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין אומגעזעצלעכן באַפרייען דעם יידישן פאַרמשפּטן שניידער פון דער תּפיסה. [1]

1660 Dnia 18 Lutego w Sądach Woiewodzińskich z strony Cechu Krawieckiego Lubelskiego na niewiernym Heyzyku Rubinowiczu nie stawaiącym w zysku nakazania kar Dekretem naznaczonych za robienie różnym osobom sukien y onych przedawanie, a ztąd Dekretowi assessorskiemu sprzeciwienie się otrzymania **kondemnata**.

Tegoż Roku Dnia 9 Marca między Cechem Krawieckim Lubelskim z iedney, a niewiernym Rubinowiczem z drugiej strony po Kontrowersyach zaszłych na zniesienie kondemnaty na tegoż Rubinowicza wzskazujący, a potym sprawę w interesie pryncypalnym do dni pięć odkładaiący.

DEKRET

Tegoż Roku Dnia 24 Maja. Tamże między temiż stronami — **Dekret**, którym tegoż żyda Heyzyka za

---

[1]) דאָס איז אַ זייער כאַראַקטעריסטישער פאַל, ווען יידן משפּטן אין אַ פּראָצעס צווישן אַ ייד און קריסטן. סטעפאַן באַטאָרי האָט אין יאָר 1576 אַרויסגעגעבן די יידן אַ פּריווילעגיע, לויט וועלכער די עלטערע יידן פון דער שטאָט האָבן באַקומען רעכט צו

postępowanie przeciwko Dekretowi Jego Królewskiey Mości wyżej wyrażonemu winą w tymże Dekrecie wyrażoną to iest zł. 30 skazano, oraz roboty robić y oney przedawać pod zabraniem y publikatą zabroniono.

Tegoż Roku w Poniedziałek przed Świętem Św. Jana Chrzciciela to iest dnia 21 Czerwca między temiż stronami ażeby żyd Heyzyk wyż wyrażone zł. 30. Dekretem Cechowi przysądzone y 14 gruywien a to natychmiast zapłacić pod sekwestracyą osoby nakazuiący...

DEKRET.

któremu ponieważ nie uczynił został sekwestrowany y do więzienia wzięty.

Tegoż Roku w Sobotę przed Świętem S. Małgorzaty to iest duia 10 lipca. Tamże Cech Krawiecki Lubelski przeciwko Niewiernym Żydom Starszym oraz całemu pospolstwu żydowskiemu o nienależyte Żyda Heyzyka z więzienia wypuszczenie nie mniej o powrócenie sobie zł. 30 przysądzonych Manifestnie się.

Tegoż Roku w Piątek po Święcie Podwyższenia Ś-go Krzyża to iest dnia 17 Września. Tamże od niewiernych Rubina Moskowicza y Heyzyka Rubinowicza Żydow Cechowi Krawieckiemu Lubelskiemu po zaszłey względem zadosyć komplanacyi czynić obowiązali się, liczba zaś Krawców Żydowskich w osobach 24 iest ostrzeżona.

(Sumarjusz odpisów dokumentów cechu krawieckiego, kuśnierskiego, miechowicznego i rękawicznego w Lublinie. Bibljoteka imienia Hieronima Łopacińskiego w Lublinie. Rękopis № 1393).

משפטן אין פראָצעסן צווישן אַ ייד און אַ קריסט, אויב דער לעצטערער איז דער באַשולדיקער.
(Gumplowicz: Prawodawstwo polskie względem Żydów).

Lublin, 9/VII 1649.

זביגניעוו פירלעי פון דאָמבראָוויץ, דער לובלינער סטאַראָסטע, גיט די לובלינער שוסטער פון פּאָדזאַמציע (הינטערן שלאָס), וועלכע געהערן צום שוסטער-צעך אַ פּריווילעגיע, וועלכע אַנטהאַלט אַ באַשטעטיקונג פונם גרונט-סטאַטוט פון דעמזעלבן צעך און אויך נייע געזעצן, וועלכע זענען געווענדט קעגן די יידן און פּאַרטאַטשעס: אַז די פּאַרטאַטשעס זאָלן נישט פאַרקויפן קיין שוסטער-אַרבעט נישט אין דער צייט פון ירידים, נישט אין דער צייט, ווען דער קרוין-טריבונאַל האַלט אָפּ זיצונגען אין לובלין אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקירן די סחורה; די אַרמענער, ליטווינער און יידן זאָלן נישט פאַרקויפן קיין שוסטער-אַרבעט נישט אין שטאָט און נישט אויף פּאָדזאַמציע אחוץ דער צייט פון ירידים אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקאַציע. בשעת די ירידים מעגן זיי זייער סחורה פאַרקויפן נאָר נישט לענגער, ווי 2 וואָכן.

Contubernio Sutorum articuli approbantur.

Zbiegneus in Dąbrowica Firley Lublinensis etc. etc. Capitaneus.

...(str. 53) Nadto y Dekreta Grodzkie na zniesienie przerzeczonych Partaczów z mieysc wyżey pomienionych ferowane wszytkie ztwierdzone y zmocnione bydz tym ninieyszym Prziwileiem y ordynacyą naszą chcemy iakosz de facto ztwierdzamy y zmacniamy.

Do tego aby ciz Partacze nie śmieli ani ważyli się roboty rzemiesła swego przedawać w Bramach, tak podczas Jarmarków iako y Trybunałów, więc y między Żydy albo na grunt Zamkowy lub na insze mieysca mianowicie przed szkołę Żydowską iey nosić pod utraceniem wszystkiego Towaru y roboty swoiey, której zabraneij połowica na Zamek a połowica pomienionym szewcom Podzameckim ma bydz oddana. Kupcy różni, to iest Ormianie, Litwa, Żydzi, aby krom Jar-

marku tak w sklepach y samym Mieście iako na Podzamczu y przed szkołą Żydowską ani gdzie indziey roboty szewskiej iakieykolwiek y przywozney przedawać y nosic nie wazyli, a ieśli by ią w Kramnicach swych mieli alboteż nosili boty, lub trzewiki, albo inszą robotę rzemiesłu ich należącą przedaiąc (54 str.), tedy ta robota ma im być zabierana z sługami Zamkowemi, któreij także połowica na Zamek a połowica szewcom Podzameckim iść ma, lecz podczas Jarmarku tak iako iest zwyczaij w Kramach albo w Domach przedawać ią maią ij to niedłużeij, iedno iako iest zwyczaij do Niedziel dwu...

* * *

(str. 54) Żydzi ij insi Kramarze aby podkowek w Budkach niż przedawali, gdyż się to dzieie na oszukanie pospolitego człowieka...

...Feria Sexta ante Festum Sanctae Margarethae proxima. Anno Domini Millesimo Sexcentesimo Quadragesimo Nono.

(Acta consularia Lublinensia 1647—1652. bis (str. 52—55). 37/CLXXVII) Archiwum lubelskie).

געזאַמלט דורך

בעלאַ מאַנדעלסבערג

פון יידישן זיטלעכן לעבן אין ווילנע אין אָנהויב XIX-טן יאָרהונדערט [1]

I

דער אָנהויב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז געווען פאַר די ליטווישע יידן אַ מאָמענט פון אַ שטאַרקער ערשיטערונג. דאָס איבערגיין פון ליטע אונטער דער רוסישער ממשלה אין יאָר 1795 און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן אויפגעטרייסלט די עקאָנאָמישע יסודות פון ליטווישן יידנטום. דאָס האָט ממילא געמוזט זיך אָפּרופן אויף פאַרשידענע געביטן פון יידישן לעבן. ווי געווענלעך אין אַזעלכע פאַלן האָט די דאָזיקע ערשיטערונג געטראָפן אויך דאָס יידישע זיטלעכע לעבן, צושטערנדיק דעם, דאַכט זיך דעמאָלסט נאָך פעלזן-פעסטן, מאָראַליש-זיטלעכן פונדאַמענט פון נישט איין יידישער פאַמיליע.

די דעפּרעסיע אין יידישן זיטלעכן לעבן אין ווילנע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ ריי דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין פּנקס פון די ארייַנגעקומענע פאַפּירן פון ווילנער קהל פאַרן יאָר 1808 („ניירות הבאים ממקומות אחרים לקהל שנת תקסח"). דער דאָזיקער באַנד, וואָס אַנטהאַלט די אָריגינאַלן פון בקשות, ווענדונגען, מעמאָריאַלן, פאַראָרדנונגען, מיטטיילונגען און אַנדערע דאָקומענטן, וועלכע ווילנער קהל האָט באַקומען יענעם יאָר, איז דער עלטסטער פון דעם טייל אַרכיוו פון אַמאָליקן ווילנער קהל, וואָס איך האָב סוף 1925 געפונען אין דער אָפּטיילונג פון ווילנער מלוכהשן אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין די מויערן פון געוועזענעם פראַנציסקאַנער קלויסטער. [2]

---

[1] פון אַ רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַלטן אין דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי אין דעצעמבער 1925.

[2] זע מיין אַרבעט: „דאָס ערשטע פויליש-יידישע ווערטערבוך און זיין מחבר לעווין ליאָנדאָר" ווילנע 1926 ז. 14 אין דער הערה.

עס האַנדלט זיך וועגן אַ משפט איבער אַ יידישער אויסגעלאַסענער פרוי („מופקרת״), וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין יענעם יאָר 1808 לויט דער בקשה פון איר אייגענעם ברודער. די דאָקומענטן וועגן דאָזיקן ענין זיינען אויך גלייכצייטיק אינטערעסאַנט פאַר דער באַלייכטונג פון דער ראָלע, וואָס קהל האָט געשפּילט אין ווילנער יידישן לעבן נאָך אין XIX־טן יאָרהונדערט, און פון קהלס באַציונגען צו דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט.

וועגן דעם דאָזיקן אָריגינעלן משפט איז אין דערמאָנטן באַנד פאַראַן 3 דאָקומענטן.

II

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1808 האָט זיך דער ווילנער ייד אברהם בן נפתלי הירץ געווענדעט צו קהל מיט פאָלגנדער בקשה געשריבן אין העברעיש און פּויליש. [1]

„הרי ארזים, חכמי חרשים, נטעי שעשועים, ה״ה ראשי רוזני קציני נגידי מנהלי עבי [2] דק״ק ווילנא יע״א.

גודל הלחץ השיאני לכאן לפני כבודם הרמה בבקשה, אשר נתבזית כבוד משפחתי על ידי אחותי המופקרת מ׳ גיטקע, אשר הולכת בדרכי הרעים, נסתרת עם אנשים פוחזים ונאפים וכמה פעמים הוכחתי אותה וכמעט שבכיתי לפני׳ בדמעות שליש אשר לא תלך בדרכי׳ לא טובים ולא שמעה בקולי. ואחר כ״ז השכירה לה בית מיוחד ועושתת (!) מה שלבה חפץ, באמרה מי ירים אלי יד ומי יאמר לה מה תעשה! ע״כ אליכם אישים אקרא ובקשתי שטוחה לפני רומעכ״ת הנשאה, אשר שבט המוסר בידם לעיין ולשבור מוטות וקשי עורף המנאפים,

---

מערקווירדיק, אין די דאָקומענטן־זאַמלונגען פון אַמאָליקן ווילנער קהל פון די שפּעטערדיקע יאָרן (ביזן יאָר 1838), וואָס געפינען זיך אין דערמאָנטן טייל פון קהלס אַרכיוו האָב איך מער אַזעלכע זיטלעכע ענינים נישט געטראָפן.

[1] "Pisma wchodzące do Kahału Wileńskiego" 1808, דאָקומענט נומער 77 בלאַט 193־194

די בקשה איז געשריבן אויך אין פּויליש, וואַרשיינלעך צוליב דעם, וואָס קהל האָט אויף דעם סמך זיך געדאַרפט ווענדן צו דער מאַכט.

[2] ראשי־תיבות פון „עדת בני ישראל״

ולעשות כיד ה׳ הטובה עליהם, שיעשו באחותי... למען ה׳ ולמען משפחתי שלא יתבזה ולהסיר גודל המכשול ולחכים (!) עיני העדה...

ממני המבקש בתחינה

אברהם ב״ה נפתלי הירץ [1]

אויף דעם אַנדערן בלאַט פון דער בקשה געפינט זיך כמעט דער־זעלבער טעקסט אין פויליש.

אָט איז ער מיט אַלע זיינע סטיליסטישע אייגנטימלעכקייטן און אויך גרייזן (אויסגעבעסערט נאָר פונקטיר־צייכנס און מאַנכע נישט־ריכטיקע גרויסע אותיות אויף קליינע):

Do Wileńskiego Kahału!

Wielka [!] moia przycisnienie przywiodła mnie do was z prożbą: ponieważ znieważona sława moiey Familyi przez siostrę moią Gittkę ktura idzie w złych drogach skrywa się z ludźmi prózniakami y z nimi obcuie. Wiele razy perswadowałem Jey y płakałem przed

---

[1]) איבער דעם העברעישן טעקסט געפינט זיך אַ צושריפט פון קהל׳ס קאַנצעלאַריע: „קהל... י׳ (יום) א׳ סעפּטעמבר״. אונטערן טעקסט געפינט זיך אַ צושריפט „נתמלא בזורנאַל השני נ׳ 3 ובוויחאדזאשצע — (נומער) 159״.

אַדורכלאָזנדיק די מליצהשע טיטול־ווענדונג צו קהל, איז דער אינהאַלט פון דער בקשה אין יידיש פאָלגנדער:

„די גרויסע קוואַל האָט מיך געבראַכט אַהער פאַר אייך... מיט אַ בקשה. היות עס ווערט מבוזה דער כבוד פון מיין משפחה דורך מיין שוועסטער די מופקרת מרת גיטקע, וואָס גייט אין שלעכטע וועגן, זי פאַרבאָרגט זיך מיט לייכטזיניקע און אויסגעלאַסענע מענטשן. שוין אייניגע מאָל האָב איך זי געשטראָפט און איך האָב כמעט געוויינט פאַר איר מיט דרייפאַכע טרערן, אַז זי זאָל נישט גיין אין די נישט־גוטע וועגן און זי האָט מיך נישט געפאָלגט. נאָך דעם אַלעמען האָט זי זיך געדונגען אַ באַזונדערע דירה און זי טוט וואָס נאָר איר האַרץ וויל, זאָגנדיק ווער וועט אויפהייבן קעגן מיר אַ האַנט, און ווער וועט איר זאָגן, וואָס זי זאָל טון! איבער דעם רוף איך און שפּרייט אויס מיין בקשה פאַר אייך..., וואָס אין אייער האַנט איז די רוט פון מוסר, אַריינצוקוקן (אין דעם ענין) און צו צעברעכן די האַרטנעקיקייט פון די אויסגעלאַסענע און ווי עס איז אייך געגעבן געוואָרן פון גאָט, צו טון אין מיין שוועסטער... גאָט צוליב און צוליב מיין משפּחה, וואָס זאָל נישט מבוזה ווערן און אָפּצורוימען דעם גרויסן מכשול...

nią, iżby w niegodziwych dróg nie szła, lecz ona mnie nie słucha, na ostatek naieła sobie udzielno mieszkanie y czyni to, co Jey serca dozwala; mówiąc iż żaden na mnie ręku nie podymie y chto mi co zrobie: przeto do was starszych wołam y proszę weyść w to y postompić z nią wedle boga y prawo; dla usunięcia tego złego.

podpisał Abraham Hercykowicz (1

III

ווילנער קהל האָט באַקומענדיק די דאָזיקע בקשה תיכף זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי מיט אַ פאָדערונג צו ברענגען די דערמאָנטע „מופקרת מרת גיטקע" אין קהל.

פון דער ווענדונג, וואָס קהל האָט אַרויסגעשיקט צו דער ווילנער פּאָליציי האָב איך אין אַרכיוו קיין קאָפּיע אָדער נאָטיץ נישט געפונען. דערפאַר איז אָבער אין זעלבן פאַסציקול פאַרהאַן פאָלגנדער אָריגינאַל פון אַ ראַפּאָרט געשריבן אין פּויליש, וואָס די ווילנער פּאָליציי האָט דעם 15-טן סעפּטעמבער 1808 צוגעשיקט צו קהל, וועגן דעם צושטעלן די געפאָדערטע „מרת גיטקע": (2

W Wileński Żydowski Kahał

z 1-go Kwartału

RAPPORT

Na żądanie Wileńskiego Kahału o dostawienie Gitki Hercykówny, znaydującey się w 1-em Kwartale

---

(1 אויף דער פּוילישער טעקסט האָט 2 צושריפטן פון קהל'ס קאַנצעלאַריע: איבערן טעקסט — „№ 77 przyjęta 7 bra 1[0]" — און אונטערן טעקסט — „Spełniono w żur. pod. № 3a wychodzących pod № 159".

(2 „Pisma wchodzące do Kahału Wileńskiego" 1808, דאָקומענט נ' 81 בלאַט 204.

pod № 356 u Żyda Josiela Gabryelowicza takową Żydówkę mam honor Kahału dostawić przy Raporcie.

№ 61. 1808 r. M-ca 7-bra [septembra] 15-go Dnia ([1]

K. Nadziratel (—)

(אונטערשריפט נישט לעזבאַר)

קהל האָט די „מרת גיטקע" נאָך דעמזעלבן טאָג געשטעלט פאַרן ווילנער בית-דין. דאָס איז געווען אין די עשרת ימי תשובה פון יאָר תק"סט. פאַרן בית-דין האָט זיך גיטקע מודה געווען אין איר אויסגעלאַסנקייט און די רבנים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער באַקאַנטער ווילנער ראש בית-דין ר' אַבלי פאָסוועליער, האָט אַרויסגעטראָגן איבער איר אַ פסק-דין, וועלכער איז געוואָרן צוגעשיקט קהל אויך מיט אַ פוילישער איבערזעצונג נעבן העברעישן טעקסט.

דעם כאַראַקטעריסטישן פסק-דין געפינען מיר אויך אין זעלבן פאַסציקול. (2

אָט איז ער אין ביידע שפּראַכן:

Względem kobity Gitki Hercykówny dostawioney z pollicyi do Kahału dla uważania jak z nią postąpić, którey Kahał dostawił do nas pod Rabinków Duchownych dla obiawienia względem jey Prawa Religyj starozakonney — poczym gdy teraz Gitka przed nami dobrowolnie przyznała się, że jest rozpustna w złych po-

---

[1] איבערן טעקסט געפינט זיך אַ אויפשריפט אין פויליש, אַז דער ראַפּאָרט איז אָנגעקומען אין קאַנצעלאַריע דעם זעלבן טאָג, דעם 15-טן סעפּטעמבער.

אָט איז די איבערזעצונג פון ראַפּאָרט אין יידיש:

אין ווילנער יידישן קהל פון ערשטן קוואַרטאַל

ר אַ פּ אָ ר ט.

לויט דער פאָדערונג פון ווילנער קהל וועגן צושטעלן גיטקע הערציקובנע, וואָס געפינט זיך אין ערשטן קוואַרטאַל אין הויז אונטערן נומער 356 ביים ייד יאָסל בן גבריאל, האָב איך דעם כבוד די דאָזיקע יידישקע צוצושטעלן מיטן ראַפּאָרט.

(אונטערגעשריבן דער נאַדזיראַטעל).

[2] 1808, בלאַט 205 Pisma wchodzące etc.

stępkach y że żadnego uczciwego siedliska nigdzie nie ma, obiawioney [obiawiono iey?], iż z Prawo Religyi powinna przyść przez trzy dni do Szkoły dla napomnienia oraz obowiązkiem Kahału jest czynić starania, iżby taka kobita w złych postempkach przekonana tu w mieście nie przemieszkiwać, lecz powruciła tam, gdzie się urodziła y skąd przybyła.

Dan 1808 M-ca 7 br. 15 Dnia.

Abram Eliasz Zelkowicz
Abel Szlomowicz
Hirsz Cemachowicz.

בדבר האשה גיטקע בת ה׳ הירץ שהעמידו אותה הפאָליציע להקהל לידע מה יעשה בה והקהל הביאו אותה לפנינו מו״ץ לחוות הדת בנידון האשה הנ״ל, ואחרי שהודית האשה הנ״ל לפנינו שהיא מופקרת וקדשה בעינים ודרכי׳ מגונים מאד ואין לה שום מקום מושב, לזאת יצא מאתנו שע״פי הדין מחוייבת האשה הנ״ל לילך בימי בה״ב... לעז״נ ושם יגידו לה השמשים בפ״פ (?) להאשה גיטקע הנ״ל שדרכי׳ מגונים ולא ישרים והחוב על הקהל להתאמץ שהאשה כזו לא תדור פה בעירנו יצ״ו רק תחזור למקום מולדתה. [1]

היום יום ו׳ תשרי תקס״ט פה ווילנא...

נאום אאליהו בלאאמו״ר....

ונאום אַברהם אבלי בלאאמו״ר שלמה זלה״ה [2]

ונאום שלמה צבי הירש במ״ר׳ צמח זלה״ה

---

[1] דער פסק-דין אין יידיש:

וועגן דער אשה גיטקע בת ה׳ הירץ, וואָס די פאָליציי האָט זי צוגעשטעלט אין קהל כדי צו וויסן, וואָס מיט איר וועט זיין און קהל האָט זי געבראַכט פאַר אונז מורי-צדק כדי אַרויסצוזאָגן אַ פסק וועגן דער דערמאָנטער אשה. נאָכדעם ווי די דערמאָנטע אשה האָט מודה געווען פאַר אונז, אַז זי איז אַמופקרת... און אַז אירע וועגן זיינען זייער מיאוסע און אַז זי האָט נישט קיין שום וווין-אָרט, איז צוליב דעם דורך אונז באַשלאָסן געוואָרן, אַז על פי דין מוז די דערמאָנטע אשה גיין אין (באָענטן) מאָנטאָג, דאָנערשטאג און מאָנטאָג אין די עזרת נשים און דאָרט וועלן די שמשום איר זאָגן... אַז אירע וועגן זיינען מאיוסע און נישט רעכטפאַרטיקע. און עס ליגט אַחוב אויף קהל זיך צו באַמיען אַז אַזאַ פרוי זאָל נישט וווינען דאָ אין אונזער שטאָט, נאָר זי זאָל זיך אומקערן אין איר געבורטס-אָרט. — — —

[2] דאָס איז די חתימה פון ר׳ אַבעלע פאָסוויליער, זע „עיר ווילנע״ פון הלל נח יד-שטיינשניידער, ווילנע 1900 ז. 20.

IV

אַז דער פאַל מיט דער „מופקרת מרת גיטקע" איז אין יענעם יאָר נישט געווען אין ווילנע קיין פאַראיינצלטער באַווייזן די צוויי ווייטערגעבראַכטע בקשות, וועלכע קהל האָט באַקומען דעם זעלביקן זומער 1808.

א. אין ערשטן פאַל ווענדעט זיך צו קהל נאָך הילף ווידער־אַמאָל אַ ברודער פון אַ יידישער שאַנד־פרוי, אַ וואָלקאָוויסקער איינוווינער הירשלייבער, וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין ווילנע כדי אַרויס־צונעמען די שוועסטער פון שאַנד־הויז: [1]

„לאלופי רוזני מנהיגי קהל דק"ק ווילנא הבירה.

באתי לבקש ביבקשה (!) שטוחה ופרוסה לבקש עבור אחותי... [2]) שמסוה הבושה מעל פניה והי (א) יושבת ביקיבה של זונות ולנו ולמשפחתנו הי (א) חרפה גדולה ולא יעשה כן ביבנות ישראל. בכן ראיתי לבקש מאלופי קהל דק"ק הנ"ל לישלוח עבורה וליכר אותה בחרפה ולישלוח לה (!) לביתה, שאני באתי עד הנה רק עבורה והוצאתי הוצאות עבורה ואני נותן רישות להעמידה בדין... (אנשב"י, אנשי בני ישראל?) או... (בד"א, בדיני אחרים?) ולמצוה גדולה יחשב לכם ויעמוד לכם בעולם הזה ובעולם הבא. כ"ד הכותב ביתחינה וביבקשה ובשבר לב, [3]) היום יום ב' כ"ג מנחם אב דהאי שתא שנת תקסחית לפ"ק.

נאם הירש לייבער פון וואָלקווישק

1808 august 4 dnia"

---

[1]) 1808, דאָקומענט, Pisma wchodzące do Kahału Wileńskiego, נומער 56, בלאַט 138.

די בקשה איז געשריבן געוואָרן נאָר אין העברעיש, דערביי זיינען אין טעקסט קענטיק פאַרריכטע אָרטאָגראַפישע גרייזן.

[2]) דער אָרט, ווו עס געפינט זיך דער נאָמען פון פּעטענטס שוועסטער, איז אַדורכגעלעכערט פון דער שנור, מיט וועלכער דער פנקס איז אַדורכגעצויגן און פאַרזיגלט.

[3]) די יידישע איבערזעצונג פון דער בקשה:

„צו די האַרן און מנהיגים פון קהל פון דער הויפּט־שטאָט ווילנע.

איך בין געקומען בעטן מיט אַ אויסגעשפּרייטער בקשה, צו בעטן פאַר מיין שוועסטער... וואָס דער שלייער פון בושה איז אַראָפּ פון איר פּנים און זי זיצט אין אַ שאַנד־הויז און פאַר אונז און פאַר אונזער משפחה איז דאָס אַגרויסע חרפה און אַזוינס קומט נישט פאָר ביי יידישע טעכטער. איבערדעם האָב איך געזוכט צו בעטן די האַרן פון דערמאָנטן קהל צו שיקן נאָך איר און צו שטראָפן זי מיט חרפה און אַוועקצושיקן זי אַהיים, וואָס איך בין געקומען אַהער נאָר צוליב איר און איך גיב רשות צו שטעלן זי פאַרן דין פון... (יידן ?), אָדער פון... (אַנדערע ?). און דאָס וועט אייך פאַררעכנט ווער

און צווייטן פאַל ווענדעט זיך צו קהל דער ווילנער בעל־הבית ישראל ב"ר שמואל בלאָך, אַ קרעטשמער, מיט אַן אָנקלאַגע אויף זיין משרת לייב ב'ר יודא, וועלכן ער איז חושד, אַז ער טראָגט אַרויס פון זיין וווינונג פאַרשידענע זאַכן און שענקט זיי אַוועק די שאַנד־פרויען גיטקע [1]) און ברײנע און זייערע „בעל־הבתים" די אַלפאָנסן וואָלף און אַבְרהם. [2])

„להקהל דווילנא"

ממני ישראל ב"ר שמואל בלאָך

הודעה

מיום ד' ח"י מנחם עד יום ה' לעת ערב נתוודע בביתי במקום שאני דר בקרעצמע של אדונים קאסעביצקי שמשרתי ליב ב'ר יודא... (אינו?) על משמרתו עם המפתחות ממשקאות... שלי, וחפשתי אותו בכל מקום עד שמצאתי אותו עם שני (!) נשים שאינן הגונות אחת שמה גיטקע ושם השנית ברײנה בבודקע שדרים שם וואָלף ואברהם וע"י זה שנתוודע לי שכמה פעמים הי' כבר המשרת שלי אצל הנשים הנ"ל ועשה המשרת שלי כמה היזקות כי בוודאי נתן מרכושי להנשים ולעבה"ב שלהם, לכן בקשתי להקהל לצוות להביא לחדר הקהל את המשרת שלי ושתי הנשים עם בעה"ב שלהן מהבודקע הנ"ל להוודע מה יעשה בהם. [1])

דברי המבקש ישראל בן שמואל בלאך

יום א' כ"א מנחם תקסחית 2 augusta"

ווי אַזוי קהל האָט אויף די לעצטע צוויי בקשות רעאַגירט איז אַלס אין דער דערמאָנטער דאָקומענטן־זאַמלונג קיין ידיעות נישטאָ.

פנחס קאָן

אַגרויסע מצוה און עס וועט אייך ביישטיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דאָס זיינען די רייד פון דעם, וואָס שרייבט מיט תחנונים און געבעט און מיט אַ צעבראָכן האַרץ".

[1]) וואַרשיינלעך די אויבנדערמאָנטע „מופקרת מרת גיטקע".

[2]) Pisma wchodzące do Kahału Wileńskiego, 1808, דאָקומענט נומער 53, בלאַט 132.

אויך די דאָזיקע בקשה איז געשריבן נאָר אין העברעיש און האָט איבערן טעקסט אַ צושריפט „תקבל באותו יום" („אָנגעקומען אין זעלבן טאָג").

[1]) די יידישע איבערזעצונג פון דער בקשה:

„מעלדונג

פון מיטוואָך י״ח אב ביז דאָנערשטאָג פאַרנאַכט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין מיין הויז, ווו איך וווין אין דער קרעטשמע פון די פריצים קאָשעוויצקי, אַז מיין משרת לייב בר׳ יודא... (איז נישט?) דאָ מיט די שליסלען פון די משקאות... איך האָב אים געזוכט אומעטום ביז איך האָב אים געפונען מיט צוויי נישט־אַנשטענדיקע פרויען, אייגע הייסט גיטקע און די צווייטע ברייגע, אין דער בודקע, וואָס דאָרט וווינען וואָלף און אברהם. דורך דעם וואָס איך בין געוואָר געוואָרן, אַז מיין משרת איז שוין געווען אייניקע מאָל ביי די דערמאָנטע פרויען און מיין משרת האָט מיר געמאַכט וויפיל שאָדנס ווייל ער האָט אוודאי אָוועקגעגעבן די פרויען און זייערע בעלי־בתים פון מיין פאַרמעגן, איבער דעם בעט איך קהל באַפוילן צו ברענגען אין קהלס שטוב מיין משרת און די צוויי פרויען מיט זייערע בעלי־בתים פון דער דערמאָנטער בודקע כדי מען זאָל וויסן וואָס מיט זיי צו טון...״

דער מוזיי א. נ. פון מאַטיאַס בערזאָן
באַ דער יידישער קהילה אין וואַרשע

(זיין אַנטשטייונג און זיין היינטיקער אויסזען).

דער גרינדער פון מוזיי איז געווען מאַטיאַס בערזאָן (1824—1908), אַ באַוווסטער אַרכעאָלאָג און געלערטער. אַלס היסטאָרי־קער און ליבהאָבער פון אַנטיקן האָט ער חוץ פוילישע צונויפגעזאַמלט אויך יידישע אַלטערטימלעכקייטן. זיין זאַמלונג האָט ער אין יאָר 1904 געשענקט דער וואַרשעווער יידישער קהילה. גאַנצע צוויי יאָר איז עס געלעגן אַפילו נישט אויפגעפאַקט. ערשט דאַן האָט מען די זאַמלונג אַריבערגעטראָגן אין אַ קליין צימער אין פאַרטער פון גמינע־הויז, ווו עס געפינט זיך ביז איצט. אַלס קוראַטאָר פון דעם מוזיי איז באַ־שטימט געוואָרן פּראָפעסאָר סאַמ. דיקשטיין. ביז צום יאָר 1910 האָט זיך דערמיט פאַרנומען פון צייט צו צייט הער ליכטמאַן. דער ערשטער שטענדיקער אויפזעער איז ה. פיינער. ער האָט סיסטעמאַטיש סעגרע־גירט דעם מוזיי און געמאַכט אים צוגענגלעך פאַרן פּובליקום. פּראָפ. דיקשטיין האָט זיך געווענדעט מיט אַן אַפּעל צו די אַסימילאַטאָרישע קרייזן, מעלדנדיק וועגן דער עפענונג פון דעם מוזיי בלויז אין די פּוילישע צייטונגען (צוו. א. אין „קוריער וואַרשאַווסקי"). הער פיינער האָט נישט־אָפיציעל געמאָלדן אויך אין דער יידישער פּרעסע. אָבער די יידישע געזעלשאַפט האָט ליידער אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּע פאַר־אינטערעסירונג. *)

האַרט פאַר דער מלחמה האָט די וואַרש. קהילה געהאַט בדעה אויסצובויען אַ ספּעציעלע געביידע פאַר דעם מוזיי. די מלחמה האָט

*) ווי ווינציק מען האָט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון מוזיי באַווייזט אַמבעסטן דער פאַקט, אַז ש. אַנ־סקי האָט אין יאָר 1918 צונויפגעזאַמלט אַ קאָלעקציע פון יידישע אַנטיקן, וועלנדיק דערפון שאַפן אַן אנהויב פון אַזאַ מין יידישן מוזיי.

דעם דאָזיקן פּראָיעקט צעשטערט. בשעת דער מלחמה איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט פאַרניכטעט אַ גרויסן טייל פון די חפצים. דאָס איז פאָרגעקומען צוליב פאָלגענדן: אויף דעם אויבערשטן שטאָק פון גמינע־הויז האָבן געוווינט היימלאָזע. נאָך זייער אָפּפאָר האָט מען אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס מיט לויג, וועלכער האָט דורכגענעצט דעם סופיט און אַריין אין די גאַבלאָטקעס מיט די אַנטיקן. אין יאָר 1918 איז פּראָפ. דיקשטיין אַרויסגעטרעטן פון דער קהילה און פון דעמאָלט אָן איז קיין נייער קוראַטאָר נישט באַשטימט געוואָרן. דער פיינער אַלס קוסטאָש האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו מאַכן קיין שום באַדייטנדיקע ענדערונגען. ביז צו דער מלחמה האָט דער מוזיי געהאַט אַ באַזונדערן פאָנד און קרעדיט און האָט צוגעקויפט אַלץ נייע חפצים. בשעת דער מלחמה איז זייער שווער געווען צו באַקומען די נויטיקע פאָנדן און די אַרבעט האָט זיך באַגרענעצט מיט קאָנסערווירן די פאַראַנענע חפצים. בפרט אין דער לעצטער צייט האָט דער מוזיי געליטן אַ גרויסן שאָדן, נישט קענענדיק — צוליב מאַנגל אין געלט — איינקויפן די ווערטפולע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס זענען בעת דער לי־קווידאַציע פון די פויזענער שולן פאַרקויפט געוואָרן פריוואַטע פּערזאָנען.

אין די לעצטע יאָרן איז די פרעקווענץ פון די מוזיי־באַזוכער געוואַקסן. עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז ד"ר שיפּער, למשל, האָט אויסגענוצט די צייכנונגען פון די אַלטע ספרים, וואָס געפינען זיך אין מוזיי פאַר זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידישער טעאַטער־געשיכטע. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס דער מוזיי האָט נישט קיין קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אַנטוויקלען אַ ברייטערע פּראָפּאַגאַנדע און וואָס זאָל מער פאַראינ־טערעסירן די יידישע געזעלשאַפט.

מען וואָלט בעדאַרפט די אַנטיקן און שריפטן אויסלייגן און דאַן וואָלטן זיי פאַרנומען עטלעכע צימערן. דאָס וואָלט אָבער געבראַכט אַ גרויסן נוצן, ווייל ערשט דעמאָלט וואָלטן זיי פאַקטיש געווען צוגענ־גלעך פאַר אַלעמען.

אין יאָר 1916 איז הער פיינער מיט דער פרוי ליליענטאַל, בער־זאָנס טאָכטער, צוגעטרעטן צום קאַטאַלאָגירן אַלע זאַמלונגען. זיי האָבן דאַביי אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן, ווייל בערזאָן האָט נישט

איבערגעלאָזט כמעט קיין שום ידיעות וועגן זיי. מען האָט אָפטמאָל נישט געקאָנט דערגיין פון וועמען בערזאָן האָט די זאַך געקויפט. דער קאַטאַלאָג (אַ געשריבענער אין איין עקזעמפּליאַר) אַנטהאַלט אַ רשימה פון אַלע אַלטערטימלעכקייטן, אָבער די ידיעות זענען ווייט נישט גענוגנדע; עס זענען בכלל נישט פאַראַן קיין שום דערקלערונגען וועגן דער באַדייטונג און דער געשיכטע פון באַזונדערע געגנשטאַנדן. עס זענען דאָ אויך נישט גענומען געוואָרן אין אַכט די ביכער. בערזאָן האָט איבערגעלאָזט 2000 ווערטפולע ביכער, וועמענס מחברים עס זענען יידן, אָדער וואָס אַנטהאַלטן ידיעות וועגן יידן. ביז איצט געניסן פון זיי זייער ווייניק געלערטע.

צו דער זאַמלונג געהערן אויך בילדער און פאָטאָגראַפיעס פון באַוווסטע פּערזענלעכקייטן: יידן, אָדער אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן באַ יידן: דער רמב"ם, מענדעלסאָן, פראַנק, לעלעוועל, גראַף אַלעקס. ווּיעלאָפּאָלסקי א. א. כתובות — חתונה-אַקטן מיט אַ רייכער אָרנאַמענטיק פון דער געוויקסן- און חיות-וועלט; כתב-ידן און דרוקן: צ. א. יצחק בן שלמה מעסולס אַ העברעישע אָפּהאַנדלונג וועגן אַריסטאָטעלעסן פון יאָר 1693. אַ סאַטירישער דיאַלאָג קעגן די דעמאָלטיקע רבנים און בעל-דרשנס, אַ כתב-יד פון איטאַליע פון יאָר 1650. עס זענען אויך פאַראַן בריוו און יידיש-פּוילישע קוויטן פון יידישע סוחרים פון XVI-טן און XVII-טן י. ה. אַ פּראַגער (פּראָשטאָט פון וואַרשע) פּנקס פון דער חברה-קדישא, וואָס נעמט אַרום די יאָרן 1870—1785. מיר געפינען דאָרט אויך אַ קאָלעקציע פון מעדאַלן און מטבעות מיט אויפשריפטן און אָרנאַמענטיק פון ביבלישע מאָטיוון, טייל פון זיי שטאַמען נאָך פון I-טן יאָרהונדערט. חוץ דעם אַ גרויסע צאָל סיגנעטן, ריינגעלעך, זיגלען (שטעמפּלען), איינס פון די זיגלען איז דעם רב שאול בן ישראל איסערלס. עס זענען אויך פאַראַן ספריתורות און טאָוולען דאַצו, מזוזה-פּושקעלעך, חנוכה-לעמפּלעך, פּערפוםפּלעשלעך, לייכטער, טאַצן און טעלער אויף פּסח-קידוש, אַ אויסגעהאָפּטענער פּרוכת פון דער שול אין דמשק פון אָנהויב XVII-טן י. ה. א. א. אַלע חפצים צייכענען זיך אויס מיט אַ רייכער, אַרטיסטישער סקולפּטור.

חוה וואַרשאַווסקאַ

מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון רעכטלעכן מצב פון די יידן אין סוף XVIII־טן יאָרהונדערט

דער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט ענטפערט אויפן מעמאָריאַל פון די נעאפיטן (געוויס פראַנקיסטן), אַז נישט קוקנדיק אויף דעם פריער־דיקן פריווילעג פון 1757 יאָר קאָנען זיי דאָך נישט פריי האַנדלען ביז וואַנען זיי וועלן נישט אָננעמען דאָס שטאָט־רעכט.

Extrakt Rezolucyi Nayiaśnieyszego Pana za zdaniem Rady przy Roku Jego Nieustaiącey Na Memoryał Neofitów z Protokułu Expedycyi w Publicum wyszłych.

My Stanisław August z Bożey Łaski Król Polski W. X. Littewsk, Ruski, Pruski, Mazowiecki, Zmudzki, Wołyński, Kijowski, Podolski, Podlaski, Liflandski, Smoleński, Siewierski y Czernichowsk za zdaniem Rady Nieustt.

Lubo Neofici w Memoryale swym Nam y Radzie przy Roku Naszym Nieustt. podanym zażalaią się na zabranie Im handlu szynkowego y produkuią Przywiley Roku 1757 nadany, handel ten dla nich w Warszawie bez obowiązku przyjęcia Praw Mieyskich utwierdzaiący; Jednak gdy nietylko Przywileje y świeże Kommissyi Boni Ordinis Roku 1769 ordynacye przez Magistrat starey Warszawy produkowane, ale y konstytucye 1768, titulo — warunek Miast — obostrzyły: aby nikt bez przyjęcia Praw Mieyskich w Warszawie handlować nieważył się; Przywiley zaś w Memoryale Neofitów przytoczony, nie im, ale contra — Talmudystom, y to

in forma Salvi conductûs dany, Supplikuiącym w stanie teraźniejszym służyć nie może, więc My Król za zdaniem Rady przy boku Naszym Neustt. Osądziliśmy za rzecz sprawiedliwą aby wspomnieni Neofici Póty wolności handlowania w Warszawie niezażywali, póki Praw Miejskich Nieprzyjmą. Rezolucya tę za zdaniem Rady przy boku Naszym Neustt. ręką naszą podpisana Pieczęczą teyże Rady ztwierdzić rozkazaliśmy. Dan w Warszawie D. XXV Lipca Roku Pańskiego M. D. C. C. L. XXV. Panowanie Naszego XI Roku.

Stanisław August Król

Akta Starej Warszawy. Archiwum Główne w Warszawie.

— — — — — — — — — — — — —

די בירגער און די יידן פון דאָברזין ווענדן זיך צו דער „קאָמיסיאַ פאָליצייי" מיט אַנ'אָנקלאַגע קעגן דעם דאָברזינער סטאַראָסטאַ סטומיעצקי און באַשרייבן די גוואַלד-טאַטן וועלכע ער איז באַגאַנגען אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקערונג. אַ טייל פון די יידן איז געווען אויף דער זייט פון סטאַראָסטאַ. אַ גענויע באַשרייבונג פון אָנפאַל, וואָס דער סטאַראָסטאַ האָט געמאַכט מיט 40 באַוואָפנטע מענטשן דעם 24-טן/I 1792 ביינאַכט.

1792 M. Febr.
14 d. oddany.

Jaśnie Oświecona Kommissyo

Wielmożny Stumiecki Starosta Dobrzyński iuż kilka razy gwałty y naiazdy w Mieście Dobrzynie praktykuje y tak w Roku 1786 naiechał ze dwudziestą pięciu ludźmi, gdzie tumult wszczęto, ludzi nabito, dom Sławetnego Siewierskiego podcięto na co się składa Manifest № 1-mo.

Roku przeszłego naiechał Mieszczanina Brudzyńskiego y zbił go;

Roku takież przeszłego w lecie gdy żyd Podrygała staraiący się o gleyt powracał z Warszawy kazał mu zastąpić w Parowie w Krzakach o puł mile od Miasta, y dać dwieście batogów, za co go teraz Kommissya z Reskryptu Królewskiego sądząca się skarała na grzywien pięćset, a o polepszenie kar od tego żyda wytacza się sprawa do Assessoryi.

Teraz zaś świeżo zrobił się taki gwałt z powodu tego.

Żydzi Dobrzyńscy których iest gospodarzy na Ośmdziesiąt cierpieli nieznośne Krzywdy od tego W. starosty, który przeciągnąwszy na swoią stronę żydów ze dwunastu gospodarzy y z Ośmiu nie gospodarzy innych wszystkich żydów uciskał. Żydzi więc skrzywdzeni wystarali się od Nayiaśnieyszego Pana o Reskrypt na Kommissyą na której pretensye swoie do Zł. Pol. 60.000 likwidowali y krzywdy swoie przekładali. Kommissya z ośmiu Kommissary sprowadzona, dnia 21 Miesiąca Stycznia roku bieżącego publikowała Dekret obowiązuiący W. Starostę do zapłacenia na rzecz Żydów Zł. 16.050 y 1000 grzywien, żydów zaś Jemu assystuiących skazała na 1000 grzywien, y iednych na lat trzy od Urzędów zasuspendowała a Niewiernego Faykę Faktora na wieki oddaliła.

O ten Dekret czyli o polepszenie iego wytoczona sprawa do Assessoryi.

Tak się dorozumiewać należy, że ten Dekret Kommissarski był powodem do Zemsty, y gwałtu ktoren się stał we trzy dni po publikowanym Dekrecie albowiem dnia 24 Miesiąca Stycznia roku bieżącego

z Poniedziałku na Wtorek w nocy naiechał W. Stumiecki Starosta Dobrzyński za 40 ludźmi, y żydami sobie przychylnemi, opatrzonemi w strzelby, pistolety, szable, kiie, powozy, miał przy sobie y U. Czachowskiego siostrzeńca swego z Woyska Cesarskiego urlopowanego, żydzi więc iemu przychylni porozbiegali się po domach starszych żydowskich, y poczęli pukać y gadać po żydowsku, aby im otworzono, żydzi śpiący nie rozumieiąc nic złego, y rozumieiąc, że żydzi przyiaciele ich pukaią, y gadaią do nich pootwierali im domy swoie, w tym po otwieraniu obaczywszy żydzi W. Starostę y ludzi zbroynych pouciekali w koszulach, za któremi iedni strzelali, drudzy w domach pozostałych bili, skąd wszczął się tumult, że zadzwoniono na gwałt, lud w nocy rozumieiąc przez to zadzwonienie, że się pali, każdy z domu powybiegał z węborkiem, konewką, kubłem y innym narzędziem do gaszenia ognia, ale biegnąc przytrzymywany bywał pałkami, kiiami, strzelaniem od ludzi W. Starosty wiele zbito pałkami, ieden Mieszczanin ledwie będzie żył, bo mu piersi zgnietli, y iuż by było po Mieszczanach y po Żydach, tylko przecie flisy przyłączyli się do Mieszczan, a którzy tej nocy czuli, bo się z nich ieden żenił, a przecie złączeni z Mieszczanami, odparli ten gwałt, złapali ośmiu ludzi W. Starosty, złapali W. Pana Czachowskiego żołnierza urlopowanego, pozabierali broń, pałki powozy. Samemu zaś W. Staroście perswadowali aby z tego tumultu umknął się, iąkoż go wyprowadzili Mieszczanie, y czuli przy nim, aby w tym tumulcie nie poniósł szwanku. Wielmożny zaś Starosta oświadczył się póty bydź przy J. W. Czachowskim Siostrzeńcu swoim póki by nie był wypuszczonym iakoż dawszy Rewers, że stawi ludzi

i swego Siostrzeńca do Sądu, tak ludzie iak y siostrzeniec iego trzeciego dnia wypuszczonym został, a tym czasem Mieszczanie y żydzi uczynili Manifesta y prezenty broni nabitej, pałaszów, pałek powrozów y obdukcyi ran dnia 27 Stycznia 1792 w Grodzie Bobrowskim № 2 do. et 3 tio. et 4 to.

Chcieli zaraz Mieszczanie y Żydzi do Warszawy udać się ale się bali zasadzek na złapanie y zbicie siebie.

Ponieważ więc nie nowina U Starosty takie czynić gwałty. Upraszaią przeto Mieszczanie y Żydzi Dobrzyńscy o zesłanie iakiey kommendy Woyska dla zasłonienia siebie y przestrzegania bezpieczeństwa publicznego oraz upomnienia W. Starosty ażeby od podobnych gwałtów y naiazdów wstrzymał się. Zaś względem tych gwałtów y kar za nie oraz wszelkich szkód nadgrodzenie proszą o Sądu sobie przyzwoitego rezerwacyę.

Jaśnie Oświeconey Kommissyi
Nayniżsi Słudzy
wysłani od Miasta Dobrzynia
Z Chrześcjan Józef Perliński Prezydent
Woyciech Zychowicz Pisarz
z Żydów Izrael Eliaszewicz Starszy
Lewek Abrahamowicz

די יידישע אונטערשריפטן זענען נישט לעזבאר.

Periculum in Mora

w Warszawie dnia 14 Lutego 1792.

Dnia 14 Lutego 1792 Rezolutum z nagłych Interesów
Sessya 117.

Akta Komisji Policji Obojga Narodów Ks. 233, str. 122.
Archiwum Główne w Warszawie.

געזאמלט דורך — יעקב בערמאן

פ אַ ר ל אַ ג ב. ק ל ע צ ק י ן

שלום עליכם

אַלע ווערק — 28 בענדער

באַנד I.	פון כתרילעווקע		256 ז.
„ II.	פון פסח צו פסח		255 „
„ III.	מעשיות און פאַנטאַזיעס		256 „
„ IV.	דראַמאַטישע שריפטן		256 „
„ V.	גאַנץ טביה דער מילכיקער		232 „
„ VI.	קליינע מענטשעלעך		256 „
„ VII.	אין שטורם (ראָמאַן)		225 „
„ VIII.	מעשיות פאַר יידישע קינדער	I	256 „
„ IX.	„ „ „ „	II	232 „
„ X.	מנחם-מענדל		220 „
„ XI.	יידישע ראָמאַנען		256 „
„ XII.	זומער-לעבן		292 „
„ XIII.	אַלט-ניי כתרילעווקע		224 „
„ XIV.	יאָסעלע סאָלאָוויי		264 „
„ XV.	יידישע שרייבער		186 „
„ XVI.	אָרעמע און פריילעכע	I	248 „
„ XVII.	„ „ „	II	260 „
„ XVIII.	מאָטל פייסי דער חזנס	I	292 „
„ XIX.	„ „ „ „	II	128 „
„ XX.	יוגנט-ראָמאַנען		204 „
„ XXI.	מאָנאָלאָגן		262 „
„ XXII.	לכבוד יום-טוב	I	240 „
„ XXIII.	„ „	II	206 „
„ XXIV.	קאָמעדיעס		304 „
„ XXV.	פון צוויי וועלטן		236 „
„ XXVI.	פונם יאַריד	I	370 „
„ XXVII.	„ „	II	292 „
„ XXVIII.	אייזנבאַן-געשיכטע		304 „

פרייז פון יעדן באַנד — 5 גילדן

פאַר בוכהאַנדלונגען און ביבליאָטעקן — ראַבאַט

אַדרעס: Wyd. B. Kleckina, Warszawa, Leszno 36

פאַר געלט: P. K. O. 9858

פ אַ ר ל אַ ג ב. ק ל ע צ ק י ן

י. ל. פּרץ

אַלע ווערק — 18 בענדער

			גילדן
באַנד	I.	פאָלקסטימלעכע געשיכטן . . .	4.70
„	II.	די צייט	5.50
„	III.	דראַמען	6.00
„	VI.	אָדם וחוה	5.00
„	V.	חסידיש	4.70
„	VI.	פאַר קליין און גרויס	4.00
„	VII.	בילדער און סקיצן	4.20
„	VIII.	אויפזאַצן און פעליעטאָנען . . .	4.70
„	IX.	אַלט און ניי	4.00
„	X.	פון שטוב און גאַס	4.70
„	XI.	געדאַנקען און אידעען . . .	4.50
„	XII.	מיינע זכרונות	2.00
„	XIII.	מגילות (און אקדמות און חד-גדיא) . .	5.50
„	XIV.	לידער און באַלאַדן	3.80
„	XV.	געשיכטן און סצענעס . . .	6.00
„	XVI.	ליטעראַטור און לעבן	6.00
„	XVII.	אין מיין ווינקעלע	6.00
„	XVIII.	שטעט און שטעטלעך	6.00

(מיט אַ רעגיסטער פון אַלע פּרצעס ווערק)

פאַר בוכהאַנדלונגען און ביבליאָטעקן — ר אַ ב אַ ט.

אַדרעס: Wyd. B. Kleckina, Warszawa, Leszno 36

פאַר געלט: P. K. O. 9858

פאַרלאַג ב. קלעצקין

זלמן רייזען

לעקסיקאָן

פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע

צווייטע, אינגאַנצן אויסגעבעסערטע, פאַר־מערטע און פאַרפולשטענדיקטע אויסגאַבע.

*

העכער 700 ביאָגראַפיש־ביבליאָגראַפיש־קרי־טישע אַרטיקלען איבער יידישע שריפטשטע־לער, זשורנאַליסטן, פילאָלאָגן, פּאַרטיי־פירער.

*

דאָס איינציקע האַנטבוך איבער אַלע ענינים פון יידיש פאַר יעדן יידישן לעזער, ליטעראַ־טור־היסטאָריקער, שפּראַך־פאָרשער, זשורנאַ־ליסט, לערער און קולטור־טוער.

(אות (א׳ — י׳)

1288 עמודים מיט 255 בילדער אין טעקסט!

שיין געדרוקט. אויף גוטן פּאַפּיר. אין פּראַכט־באַנד

פּרייז 18 גילדן

אַדרעס: Wyd. B. Kleckina, Warszawa, Leszno 36

פאַר געלט: P. K. O. 9858

פאַרלאַג ב. קלעצקין

ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואָכנשריפט
פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט

אַבאָנעמענט-פּרייז:

אין פוילן: $1/4$ יאָר — 5 גילדן. אַ נומער — 50 גראָשן.

אין אויסלאַנד: $1/4$ יאָר — 1 דאָלאַר, איין נומער — 10 סענט.

שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

פילאָלאָגישע סעריע, באַנד I

לאַנדוי-בוך

ד״ר אַלפרעד לאַנדוי

צו זיין 75-סטן געבוירנסטאָג

אונטערגעטראָגן פון זיינע גוטע-פריינד און תּלמידים.

אַ גרויס זאַמלבוך פון 428 שפּאַלטן מיטן אָנטייל פון די באַרימט-סטע יידישע און דייטשע פילאָלאָגן, ליטעראַטור-היסטאָריקער און פאָלקלאָ-ריסטן, אַן אוצר פון יידישער שפּראַכפאָרשונג און ליטעראַטור-געשיכטע.

פּרייז 14 גילדן, אין אויסלאַנד — 3 דאָלאַר

„אין שפּאַן״

חודש-זשורנאַל

אַבאָנעמנט-פּרייז:

אין פוילן: $1/2$ יאָר — 16 גילדן, $1/4$ יאָר — 8 גילדן

איין בוך — 3.25 גילדן

אין אויסלאַנד: $1/2$ יאָר — 3 דאָלאַר, $1/4$ יאָר—1.70 דאָלאַר

אַדרעס: Wyd. B. Kleckina, Warszawa, Leszno 36

פאַר געלט (אין פוילן): P. K. O. 9858